STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06597

ARUM UNZ

L. Gorelik

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דעם העלטער טויזן
און לודהויר רדן
פון דעם
אידישער ליטעראטור
מרים וואלשין

ל. קורליק

1941


ל. וואָרעליק
ארום אונז

פון זעלביקן מעכאַבער:

לידער, קליוולענד, 1919

„אוים דזשאו ווידער יאָשע"

דערציילונג 1936, שיקאַגאָ

•

•

ארויסגעגעבן פון

ראובן ברייגין איקוף קלוב

מיט דער הילף פון די

פרויען לייען קרייזן

ביים איקוף

שיקאַגאָ

•

שערבלאַט געצייכנט

פון

טאָדרעס געלער

ערשטער טייל

1929 — 1920

●

איך דריק אוים מיין האַרציקן דאנק צו די כאַווייררים
און כאַווערטעס פון ראובן ברײנין איקוף-קלוב און
צו דעם קאונסיל פון די פרויען לייען קרייזן ביים
איקוף פאַר דערמעגלעכן די דערשיינונג פון מיין בוך

מיין טאָג

כ׳האָב ליב מיין טאָג.
באַפריי איך זיך
אַלע אינדערפרי פון די פיר ווענט
וואָס באַהאַלטן מיך
אין היימישער אומהיימלעכקייט;
בייט אויס שטיקער פון מיין טאָג
אַף אַ שטיקל ברויט,
אַן אַנצוג, אַ פּאָר שיך,
ליידיקט ביסלעכווייז זיך אויס
ביי מיר דער טאָג.
און ווי אַ שיקער האַלט ביים האַלז
אַן אויסגעליידיקטע פלאַש,
פון וועלכער ער זוכט אַ טראָפּן אויסצוזויגן,
אַזוי האַלט איך דעם טאָג
ביי זיין שוואַרץ־כיינעוודיקן,
גויסעמן פאַרנאַכט;
ביז עס קומט די נאַכט
און שפּרייט איר שטערנדיקן טוך
איבער מיין אויסגעליידיקט האַרץ.

אין מיר און אין דיר

אין מיר און אין דיר
און אין יעדן פון אונז,
צעליכטיקט זיך אַפטמאָל
אַ גלויבן אַזאַ:
אַזוי ווי אין גרויען פאַרטאָג
ווען עס הויבט זיך אָן שפּאַלטן די נאַכט
און עס קומט אַזוי שטראַלנדיק ליכטיק אַרויס
אַ זון גאָלדיק און גרויס;
אַזוי אויך צעשפּאַלט זיך דער נעפּל אין דיר,
פון אונטערן האַרצן צעשטראַלט זיך אַ זון,
הויבט זיך אַלץ העכער און העכער אַרויף,
ביז דו פאַרלירסט זיך אינגאַנצן אין ליכט,
צעשפּרייטסטו די הענט אין דער הויך,
אין דער ברייט
און שרייסט מיט באַגייסטערטן קאָל:

העי! העי!
מיר אַלע וואָס שלעפּן דעם יאָך,
וואָס בייטן אויס טעג אַף אַ ברויט און אַ קלייד,
וואָס פינצטערן ליכטיקע טעג
ערגעץ טיף אין דער ערד,
וואָס יאָגן מאַשינען מיט רויש און געגרילץ
און יאָגן אַזוי אונזער לעבן אַוועק!

אויך די וועלכע יאָגן אין זייערע קראָמען
פון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט,
קלייבן די גראָשנס און ציילן און ציילן
און שלאָפן אומרואיק אַף פעקלעך פּאַפּירן;
אָפּט קומען צו כאַלעם כעשבוינעס און וועקסלען
ווי מאָנסטערס און שטיקן און ווערגן.

אויך די וועלכע שלייכן זיך אום

דורך די נעכט מיט געוועך
און מיט פונקען אין זייערע אויגן
שפּירן זיי, נאָך יעדן
וואָס גייט זיי פאַרביי.
— מיט אַן עלעקטרישער ליכט אין דער האַנט
עפענען זיי אַ פאַרזיכערונג־קאַסטן,
נעמען פון דאָרטן פּאַפּירלאַך און גאָלד
און קומט ווער אַנטקעגן אין יענער מינוט,
באַצאָלט מיט זיין בלוט.
אָפטמאָל באַצאָלן זיי אויך מיטן אייגענעם בלוט.

אויך די וועלכע שלייכן מיט טרוקענע הערצער
זיך אום דורך די נעכט,
שמייכלען און ווינקען
צו יעדן וואָס גייט זיי פאַרביי:
„ס'איז וואַרעם און היימלעך
אין צימער ביי מיר,
מיין פּאָנים איז מיד און די ליפּן געפאַרבט?
איך האָב אָבער ליבע פאַר דיר אָנגעגרייט.
בין מיד שוין,
די פיס מיינע שלעפּן זיך קוים,
אַזוי פיל געליבטע געהאַט האָב איך היינט
און אַלץ נאָך מיט ליבע ניט זאַט —
זאָג זשע מיר טייערער, זאָג!
האָסטו געלט?"

און די וועלכע טרייבן די קנעכט
מיט בייטש און מיט שווערד
און ליגן אומרואיק אַליין
אַף אַ קאַסטן מיט גאָלד —
אַפן שאַרף פון אַ שווערד
און זיינען אַליין דאָך די הערשער און קנעכט
וואָס וואַרפן זיך אָפטמאָל אין גרויליקן שרעק:
אַט הויבן זיך אויף
די גיבוירים וואָס שלעפּן דעם יאָך,

אַזוי ווי אַ יאַם פֿון די בּרעגן אַרויס,
שפּרייטן זיי זיך
אין דער לענג — אין דער בּרייט,
כוואַליען מיט שטורם און צאָרן
אַף אַלץ וואָס עס שטייט זיי אין וועג,
רייסן די הערשונג
פֿון זייערע הערשער אַרויס,
אינאיינעם מיט האַרץ און מיט גאַל
און מיט שטיקער פֿאַרגליווערטן בּלוט.

העי! העי!
איר הערשער!
גענוג זיך געטרונקען
אין פֿרעמדן און אייגענעם בּלוט!
זעט!
עס קומט אויף אַ רונדע, אַ ליכטיקע זון,
צי קענט איר מיט אייערע בּייטשן און שווערדן
פֿאַרטרייבּן די זון?
זייט גרייט!
ווייל אויפשיינען וועט זי פֿאַר אַלעמען גלייך!
אַ גרויסע, אַ רונדע, אַ ליכטיקע זון
אין מיר און אין דיר
און אין יעדן פֿון אונז,
און אַרויס אַף דער וועלט!

שיקאַגאָ

(אין די אָרימע גאַסן)

דאָ איז דיין הימל אַזוי גרוי און רויכיק
און די גאַסן שמוציקע און ברייטע;
שפּילן קינדער זיך און טאַנצן אין אַ רעדל
לעבן זיי אַ קעצל ליגט אַ טויטע.

דוכט מיר אין דיין טומלדיקן אַוויר,
מעכאַשייפעס פליען אום און שרייען;
שפרייטן פון די שלאַכט-הייזער דעם רייאַך
שעלטן, זידלען, רויכערן און שפּייען.

אין „לופּ" *)

אַ האַנט האָט אַ שפּיל זיך געגעבן,
געוואָלט זיך מיט עפּעס צעשטרייען;
האָט האַסטיק אַ דריי עס געגעבן,
נו, הערט עס ניט אויף זיך צו דרייען.

רעלצן און באַנען און אויטאָס,
טראַמווייען, האָטעלן, קאַפּייען,
און שטראָמיקע כוואַליעס פון מענטשן,
אָן אויפהער זיך דרייען און דרייען.

באַנקן און קראָמען און קינאָס,
זוינעס און טשעקס און באַנקנאָטן;
און שטיקלעך זון אין די בלאָטעס
ווערן פון לאַסט-פערד געטראָטן.

*„לופּ" איז דער געגנט פון שיקאַגאָ, וואו עס דרייען זיך אַרום אַלע הויך-באַנען און טראַמווייען פון שטאָט. עס איז אויך דאָס האַרץ פון שיקאַגעס גרעסטע געשעפטן.

מעדיסאָן גאַס

איך טראַכט:
דאָ האָט אַמאָל אַ שעד
ערגעץ אין אַ שמוציקער אלייע
אַ גרויסע זינד פאַרזייט.
און ס'האָט צעבליט זיך
אין דער ברייט און לענג פון גאַס.
אָף יעדן ראָג —
שיקורים וואַלגערן זיך אום
און מיידלעך אָנגעפאַרבטע
ווינקען צו פאַרבייגייער.

אַן אַלטע הינקענדיקע פרוי,
מיט אַ פאַרברוינטן פּאָנים
אויגן — גלאַנציקע און שפּיציק,
מיט אַ גרינעם היטל אַפן קאָפּ,
שלעפּט זיך אַפן טראַטואַר;
ביי איר זייט—אַן אַלטער שיקער
קייט, זידלט זיך און שפּייט.

פון אַ ביר־הויז
טראָגט זיך אַ פאַרשיקערטער געזאַנג,
געמישט מיט גלעזער בראַזגעריי
און הייזעריקן, מיידעלשן געלעכטער.

אָף אַ ראָג —
שטייען פרומע, גאָטספאָרכטיקע שוועסטער,
מיט פּייקלעך אין די הענט;
און זינגענדיק און טאַנצענדיק,
מאַטערן זיי זיך צו ראַטעווען נעשאָמעס.
ניט ווייט פון זיי —
אַ מיידל מיט אַ ציניש געלעכטער,

ווינקט צו אַ פֿאַרבײַגײער.
און די גאָטספֿאָרכטיגע שוועסטער,
קלאַפּן אין די פּײַקלעך און זינגען:
האַ—לע־לו־יאָ!
גלאָרי, גלאָרי,
האַ—לע־לו־יאָ!

HOME

(אַ סטאַטוע אין האָמבאָלדט פּאַרק)

שטייגט די זון אַלץ העכער, העכער,
גילדן בּוימער זיך און דעכער.
הילן וואַלד און פעלד זיך איין
אין אַ גין-גאָלדענעם שיין
אַלץ האָט מיטן טאָג דערוואַכט,
גייט אַ ריז צום קוילן-שאַכט.

ס'איז צו אונז דער טאָג געגעבּן,
זיך צו פרייען און צו לעבּן.
פויגל זינגען, אַפּן גראָז,
שטיפט און טאַנצט אַרום אַ האָז
אַלץ בּאַגריסט דעם טאָג מיט פרייד,
ער נאָר גייט צעקלעמטערהייט.

מיט זיין קינד זיך אָפּגעזעגנט
און די ליבּע זון בּאַגעגנט.
אַלץ אַרום אים טאַנצט און לאַכט
ער נאָר גייט צום קוילן-שאַכט.
מיטן לעמפּל אַפּן קאָפּ,
לאָזט ער זיך אין שאַכט אַראָפּ.

זיינע אָרמס, גרוים און מעכטיק,
נאָר זיין פּאָנים, מיד און קנעכטיק.
און מיט זיינע שטאַרקע הענט,
האַקט ער קוילן פון די ווענט.
שטייט אַ ריז אין טיפער שאַכט,
הילט אים איין אַ לאַנגע נאַכט.

טראַכט ער מיט אַ בּליק א שטומען:
צי וועט ער צוריק נאָך קומען.

צו דעם גלעטנדיקן ווינט,
צו זיין ליבן שיינעם קינד,
צו דער זון, צום וואַלד און פעלד,
צו דער גרויסער שיינער וועלט.

נאָר אין טיפע קוילן־שאַכטן,
איז ניטאָ קיין צייט צו טראַכטן.
אונטער זיינע ריזן הענט,
פאַלן קוילן פון די ווענט.
אונטערן שוואַרצן קוילן־דעק,
גייט אין שאַכט אַ טאָג אַוועק.

אַף אַ כוואַליע קאָרן־זאַנגען,
איז דער טאָג שטיל אויסגעגאַנגען.
מיט אַ האַרץ פון פיין צעגליט
איילט דער ריז מיט שווערע טריט.
איילט ער זיך אַהיים געשווינט
צו זיין ליבן שיינעם קינד.

קומט דאָס קינד אים אָן אַנטקעגן,
קען ער פאַר פרייד גאָרנישט פרעגן.
פאַלט אַף זיינע שטאַרקע קני
דריקט זיין קינד צום האַרצן צו.
דוכט זיך אַז ער אָטעמט שווער
און עס פאַלט פון אויג אַ גרויסער טרער.

אין טאָל פון טויט

(אין די שיקאַגער שלאַכט־הייזער)

עס האָט אַ גרויסער אָקס
מיט דראָענדיקע, אויסגעדרייטע הערנער,
וואָרעם בלוט דערשמעקט.
האָט ער ברייט די נאָזלעכער צעעפנט,
אומרואיק אין שטייג די ערד געקאָפּעט,
טיף דעם אָטעם אין די ריזן־לונגען איינגעצויגן,
און עס האָט אַ רעווען זיך דערהערט:
ווי אַ שאַלנדיקער, צאָרנדיקער רוף
אַנטקעגן סוינע זיך צו שטעלן.
אַ טעמפּער האַמער קלאַפּ איבערן קאָפּ
האָט זיין רעווען אָפּ דער העלפט צעשפּאָלטן.
אַ צעטומעלטער,
מיטן אָפּגעהאַקטן קאָל אין האַלז,
האָט ער אויסגעדרייט זיין קאָפּ,
מעשוגע ווילד די אויגן אויסגעגלאָצט,
און אַ פאַרווירטע פראַגע
אויסגעשאָסן צו דער הויך
וואו באַזוכער
האָבן אַנגעשטרענגט זיך צוגעקוקט.
באַלד האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן
צום טיר פון שטייג;
און עס האָט געדוכט זיך:
אָט וועט ער אויפּברעכן די שטייג,
זיך לאָזן לויפן איבער גאַס און פּאַרק,
פאַרוויסטן אַלץ אין וועג
און נעקאָמע נעמען
פאַר דאָס בלוט פון אַלע אָקסן־דוירעס.
נאָר עס האָט אַ צווייטער קלאַפּ
אים פון די פיס געוואָרפן.
אַ ווײַלע האָט זיין ריזן גוף געצאַפּלט זיך

און קעגן טויט געקעמפט,
באַלד מיט אַ שטאַרקן ציטער
דאָס לעבן פון זיך אָפגעטרייסלט;
זיינען זיינע שרעקנדיקע אויגן,
ביסטרע, אָפענע געבליבן
און עס האָט זיך אַ געהענים אין זיי באַוויזן;
איז זיין לעצטער בליק
אַרויפגעפלויגן צו דער הויך
און אין די נערוועזע אויגן
פון די מענטשן איינגעדרונגען.
האָבן פרויען ציטערדיקע אויסגעשריען:
אָ, מאַי גאַד!

האַמפּי דזשאָו

שטייט דער קורצער, הויקערדיקער דזשאָו
אַרום די שלאַכט-הייזער, אין ווינקל גאַס,
איין האַנט אַריינגערוקט אין הויזן-טאַש,
דער דאַשעק נידעריק איבערן שטערן;
קוקן זיינע וואַסערדיקע אויגן
פאַרבענקט
אין שטיקענדיקער, נעפּלדיקער לופט אַריין.
קנייפּט פון פּעקל „רעד מען"
קייט און שפּייט און טראַכט.
ווער ווייס פון וואָס
דער קורצער, הויקערדיקער דזשאָו טראַכט?

עפּשער פון דעם ביק
וואָס האָט זיין טאַטן אויסגעדרייט אַ פוס?
איצטער שלעפט דער טאַטע זיינער זיך
אַלע נאַכט אין הויז אַ שיקערער אַריין;
שעלט די מידע מאַמע,
זידלט זי און שלאָגט
און מאָנט פון איר דאָס געלט וואָס זי פאַרדינט,
פון שקראָבען טרעפּ
און רייניקן דעם דיל אין רעסטאַראַן.
און ווען זי גיט אים — וויינענדיק — דאָס געלט,
ווערט ער גוט צו איר·
קושט ער זי, וויינט מיט איר צוגלייך
און שלעפּט אַ וויינענדיקע זי אין בעט אַריין.

צי פון זיין ברודער דזשאָן
וואָס האָט פון קריג, פון „אָווער דהער"
אַן אויסגערונען אויג געבראַכט
און זיצט אין טפּיסע פאַר אַ רויבעריי.
און ווען די יונגען רייצן אים
און רופן: האַמפּי דזשאָו,

שטעלט זיך קיינער מער פֿאַר אים ניט איין.

צי פֿון זיין גוטער שוועסטער
וואָס פֿלעגט שאַבעס, קומענדיק פֿון שאַפּ,
אים ברענגען אָפּט אַ נייע העמד,
אַ גלעט איבערן קאָפּ
און אויך אַמאָל אַ קוש;
ביז דער גרויסער בלאָנדער ביל,
— פֿאַרדאַס אים גאָט —
האָט זי פֿאַרנאַרט
און ערגעץ — שיידים ווייסן וואו — פֿאַרפֿירט.
און אָט אַזוי
איז ער געבליבן הפֿקר,
ווי דער קראַנקער הונט
וואָס בלאָנדזשעט אום אין גאַס
און קוויקט זיך מיט דער לופֿט
אַרום די שלאַכט־הייזער.

פּלוצלונג, גלאַנצן אויף די אויגן זיינע,
פֿיבערדיק און פֿייכט:
אַ מיידל, בלאָנד און גראַציעז,
האָט לייכט פֿאַרבייגעשוועבט
און זיך אין ווינקל גאַס פֿאַרקערט.
בלייבט ער שטיין, אַזוי פֿאַרקוקט צום ווינקל גאַס,
אַ שמייכלדיק פֿאַרבענקטער.
קנייפּט פֿון פּעקל „רעד מען"
קייט און שפּייט און טראַכט.
ווער ווייס פֿון וואָס
דער קורצער, הויקערדיקער דזשאָו טראַכט?

מערי

בּיף —
שאַבּעס, האַלבּער טאָג;
די גרויסע טרובּע פון די שלאַכט הייזער
האָט הויך און הייזעריק אַרויסגערעוועט
אַ געענדיקטע אין בּלוט צעווייקטע
אַרבּעט וואָך;
אויסגעלאַכט די גוואַלד געשרייען
פון די אָקסן, קי, שעפּסן און כאַזיירים
און גראָב אַרויסגעבּרומט:
העי, כעוורע!
וואָס יאָמערט איר, וואָס ליאַרעמט איר אַזוי?
איר האָט דאָך נאָך בּיז מאָנטיק פרי צו לעבּן!

די בּלאָנדע בּלייכע מערי
הויבּט זיך אויף פון לאַנגן טיש
וואו זי האָט זינט מאָנטיק פרי
אין ווייסן שירץ, מיט בּלייכע, דינע פינגער,
דינע בּלעטלעך בּיף
אין גלעזער אָנגעשטאָפּט.
לויפן גלעזער בּיף דורך אירע פינגער,
גלאָז-איין גלאָז-אויס,
שאָ-איין, שאָ-אויס,
טאָג-איין טאָג-אויס,
לויפן גלעזער בּיף שווינדלען פאַר די אויגן
און בּאַגלייטן זי
בּיזן טיר
פון איר לאַנגווייליקער היים.

שטייט די גרויע מאַמע אַ צעכראַסטעטע,
מיט אַ פּאָנים אַ צעבּלוטיקטן,
וויינט, זידלט און שעלט,
וואָס דער מאַן אירער, דער שעפּסן שינדער,

(וואָס טוט די שעפּסן אויס פון זייער פעל
און לאָזט זיי ווייסע, נאַקעטע
געשלעפּט ווערן צום לאַנגן העקער טיש),
אַרבעט שוין ניט אַזוי לאַנג
און ליגט אַפּ גאַנצע טעג אין הינטער-געסל דאָרט,
אין בילי בולדאָג׳ס שענקל.
עפנט מערי אויף די בלויע מידע אויגן
צו דעם צעשפּאָלטענעם, פאַררויכערטן פּאַפּיר פון וואַנט.
פאַרבט נערוועז די באַקן און די ליפּן,
נעמט בייז פון בוזים געלט אַרויס
און וואַרפט עס צו מיט פונקען אין די אויגן.
און מיט סאַם אַף איר פאַרקרימטן מויל
לאָזט זי זיך אין קינאָ,
זען ווי טאָם מיקס
יאָגט זיך אַף זיין פייערדיקן פערד
און נעמט זיין מיידל פון באַנדיטן אָפּ. —

„העללאָו בלאָנדי! וואָנט-ע-רייד?״
שמייכלען אַ פּאָר הייסע, מענערשע אויגן.
פון אַ נייעם, גלאַנצנדיקן ביואיק —

ווען זי איז פאַרטאָג — אַביסל שיקערלעך —
אַהיים געקומען
האָט זי באַמערקט, דאָס קליידל איז צעקנייטשט;
האָט זי צו די שלאָפנדיקע טאַטע מאַמע,
פרעך און גיפטיק זיך אַ קרים געטאָן:
„טו העל וויט דעם!״
איך וועל שוין די פאַרדאַמטע בלעטלעך ביף
אין גלעזער מער ניט שטאָפּן!...

אָלד פאַקסי מאָזעס

„אָלד פאַקסי מאָזעס"
דער פאַרבער פון הילצערנע ראַמען,
אין גרויסער דריישטאָקיקער ראַמען-פאַבריק,
איז פריילעך און לוסטיק
היינט פרי צו דער אַרבעט געקומען.
און דזשאַני, דער יונגער, גוטמוטיקער יאַט
וואָס אַרבעט שוין צוויי יאָר מיט אים האַנט-ביי-האַנט,
באַגעגנט אים פריילעך:
„גוד מאָרנינג אָלד פאַקסי מאָזעס!"
— „גוד מאָרנינג איירישער דזשאַני!
און ווער די קאָפּאָרע פאַר אידישע קינדער"
— גיט אים דער אַלטער
אַ פאַטערשן זעץ אין געזעס —
„איך האָב דאָך דיך שוין אַזוי ליב,
זאָל דיך אַ וויסטע כאָליערע אַ שטיק טאָן.
אַך ליבינקער דזשאַנקע דו ווייסט?
איך בין דאָך שוין היינט זעכציק יאָר
ס'איז נעכטן געווען מיין געבורטסטאָג
און עס האָט מיך מיין איינציקע טאָכטער
„סורפּרייזט" מיט אַ זיידענער העמד,
דו זעסט? — — —
אַ טייער מיידל מיין טאָכטער
נאָר נעבעך פאַרוויאַנעט . . .
עס מאַכט זיך ניט נעבעך קיין כאָסן"
ווישט אָפּ דער אַלטער צוויי טרערן
פון אונטער די האַלב-בלינדע אויגן —
לייגט דזשאַני אַרויף זיינע הענט
אָף דעם אַלטנ'ס געבויגענעם רוקן:
„אָ דיר פאַקסי גרענד פאַ
פאָר קרייסט סייק דאָנט קריי!"
ווערט מונטער דער אַלטער צוריק
און צערעדט זיך:

אַמאָל ווען איך בין נאָך אַ יונגער געווען,
בין איך אין מיין שטעטל דער איינציקער פאַרבער געווען
און טאַקע דער בעסטער אין פינף שטעט אַרום;
די גוירישע הייזער די שענסטע געפאַרבט,
דעם שטעטלשן קלויסטער אַליין אָבגעפאַרבט.
דו וואָלסט געדאַרפט זען
ווי איך האָב צום שפיץ ווי אַ קאַץ זיך דערקלעטערט
און דאָרטן געפאַרבט.
די זון האָט געברענט און געבראָטן,
געגלאַנצט האָט דער מעשענער ציילאָם
און מיר די אויגן געבלענדט.
געשטאַנען פון אונטן דער גאַלאַך
און שיקסעם און שקאָצים
און אַלץ זיך געוואונדערט,
ביז איך האָב דערפאַרבט ביזן שפיץ.
איינמאָל ביים פאָריץ, דאָס הויז,
מיט אַלערליי בילדער די ווענט אויסגעפאַרבט
די פריצים פון שכייניש שטעטלעך,
זיינען דערנאָך אָף כידושים צום פאָריץ געקומען.
עס זיינען די יאָרן געלאָפן,
און איך האָב געפאַרבט און געפאַרבט,
ביז איך האָב געפילט:
איך ווער קראַנק פון דער פאַרב,
געגרייט זיך שוין אויפהערן פאַרבן:
געהאָפט אַז מיין זון וועט שוין פאַרבן פאַר מיר
און זיין מיר אַ הילף אָף דער עלטער. —
איז פלוצלונג אַ קלאָלע אָף שטעטל געקומען,
מיין איינציקער זון איז געפאַלן אין קריג,
דערנאָך זיינען רויבער געקומען:
פעטלוראַ, דעניקין און אַנדערע שיידים
אַלץ פון מיין הויז צוגענומען,
די טייערסטע בערשטלעך, צעבראָכן, צעריסן
און מיר נאָך געשלאָגן דערצו
בין קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן — — —
איצט אָט־אָ־דאָ, דאַרף איך פאַרבן די ראַמען

איך בין דאָך שוין זעכציק יאָר אַלט;
עס ציטערן מיר שוין די הענט און די פיס
און איך עס נאָך דעם פּאַרב,
און עס עסט מיך דער פּאַרב,
אך דזשאַנקע!
איך פּאַרב דאָך שוין באַלד פופציק יאָר!
עס וואָלט דאָך מיר דאָרטן איצט בעסער געווען,
נאָר שווער איז פאַר מיר שוין צו פאָרן אַהיים,
אַך דזשאַנקע! עס בענקט זיך אַזוי!
פּלוצלונג דערהערט זיך דער פייף פון פאַבריק,
וואָס רופט אַזוי שטרענג צו דער אַרבעט זיך שטעלן —
נעמט ,,פאַקסי אָלד מאָזעס״ אַ ראָם אין די הענט
מיט טרערן אין האַלב-בלינדע אויגן —
און דזשאַני בלייבט שטיין מיט אַ ראָם אין די הענט
און מיט
,,פור אָלד פאַקסי מאָזעס״
אַף זיינע צעשמייכלטע ליפּן.

אָנהויב זומער

האָט אַ ליכטיקער פרימאָרגן
זיך צעשמייכלט צו דער וועלט,
געוואַרעמט און געקושט
דאָס אויסגעשפּרייטע פעלד,
ווי אַ יונגער גוואַר,
וואָס קומט פון לאַנגן וועג אַהיים,
פאַרבענקט,
צו זיין פאַרבענקטער ווייב,
קושט און ברענט זיך איין
מיט ווילדער גוואורע אין איר לייב.
האָבן בראָכעס,
זיך גענומען שיטן אָפן פעלד,
געטראָגן און געשפּרייט
פון גלעטנדיקן ווינט,
ווי די בראָכעס וועלכע שוועבן,
פון אַן אַלטן טאַטנ'ס אויגן,
צו זיין טאָכטער'ס טראַכט,
וואו עס וואַרעמט זיך אַ קינד,
אַן איניקל פאַר אים,
האָבן פויגעלעך געזונגען און געטאַנצט:
ווי גוט און וואויל איז אונז,
די ערד איז מעוברעס!

אַפֿן באַרג „ווילסאָן" (*

ווי אַ מוראַשקע אַף דעם קאָפּ פֿון אַ גיגאַנט
האָב איך זיך אַף דיין קאָפּ אַוועקגעשטעלט
און אַראָפּגעקוקט.
אַ גאַנצע נאַכט האָסטו געבאָדן זיך
אינם ליכט —
וואָס די לעוואָנע האָט אַף דיר
מיט פולער האַנט געוואָרפֿן.
אונטן האָבן שטעט ביי דיינע פיס
אויסגעזען ווי פייערדיקע טייכן.
און פינקלענדיק
מיט כוואַליעס דימענטענע אויגן
צו דיר אַרויפגעקוקט.
פאַרטאָג —
האָבן וואָלקנס דיך אַרומגערינגלט
ווי קליינע, דורכזיכטיקע טייכלעך,
שוועבן אַרום דיר,
ווי קינדער אַפֿן שויס פון זייער גרויסן זיידן
ער זאָל זיי אַ מייסעלע דערציילן.
דערציילסטו זיי:
ווי מ׳האָט דיין בויך דיר דורכגעשניטן
און אויטאָס, ציען זיך ווי שלאַנגען אַרום דיר;
ווי אַף דיין רוקן האָט מען דראָטן דורכגעצויגן
און מענטשן ריידן ערגעץ ווייט דורך דיר אַדורך. —
פּלוצלונג ווערט דער הימל אָנגעצונדן.
ברענט דער הימל, ברענן שוין די בערג
דוכט זיך:
אָט וועסטו אַ צעוואָרעמטער זיך אויסגלייכן,
אַ טרייסל טאָן דיין גרויסן, גרינעם קאָפּ

*) אַ באַרימטער הויכער באַרג לעבן פּאַסאַדינאַ, קאַליפאָרניע.

און אַ שליידער טאָן
די ציוויליזאַציע פון זיך.

שטייען בוימער
מיט די וואָרצלען ווי מיט פינגער
איינגעקלאַמערט אין דעם פעלז,
ווי זיי וואָלטן מוירע האָבן
אַז אָט וואַרפסטו זיי אַראָפּ
אין שרעקעדיקן אָפּגרונט.

דיין טרער איז אין מיין בלוט

דיין מאַמע האָט דיר עפּעס שטיל געזאָגט:
דו האָסט זיך שטיל צעוויינט.
אַ וויינענדיקע, האָסטו אַ גלאָז וואַסער מיר דערלאַנגט.
און דיינס אַ טרער
איז ווי אַ טראָפּן טוי פון גרינעם בלאַט אַראָפּ,
געפאַלן גלייך אין גלאָז אַריין.
אַ דורשטיקער האָב איך עס אויסגעטרונקען;
איך האָב דיין טרער געטרונקען.
באַלד איז דיין טאַטע בייז אין שטוב אַריין
און בייזערהייט, געקוקט אויף מיר — אויף דיר,
עס האָט דיין טרער גענומען זידן אין מיין בלוט,
נאָר איך האָב זיינע בליקן אויסגעמידן
און ווי אַ שיקער מיט וואַקלדיקע טריט
בין איך פון שטוב אַרויס.
איצט איז מיר שוין גוט
דיין טרער איז אין מיין בלוט.
לאַנג, נאָך לאַנג האָט אַלץ דיין טרער געזאָדן אין מיין בלוט
און מיינע ליפּן האָבן שטיל פאַר זיך געזאָגט:
עס איז איז דיין טאַטע בייז?
אָבער איך האָב דיין טרער אין זיך . . .
דיין קלאָרער, הייסער טרער!

איך און דו

איך בין אַ בייזער איד מיט אומעטיקע אויגן,
און מיט אַ בייזן, בלייכן, אומעטיקן פּאָנים.
מיין טאַטנ׳ס שטרענגקייט
פרעסט זיך האַרט אַף מיינע ליפּן,
נאָר אין מיין ברוסט
ליגט איינגעהילט אין צאַרטקייט,
מיין מאַמעס גוטע, ציטערדיקע,
טויבן-האַרץ.

ביזט אַזאַ רואיקע, אַ מילדע און אַ גוטע.
איך בייזער זיך און שריי אַף דיר,
מיין פּאָנים ווערט פאַרוואָלקנט,
ווילד און האַרט;
דערזע איך אָבער דיינע ברעמען ציטערן
און דיין מילדער פּאָנים
הויבט — ווי ביי אַ באַליידיקט קינד —
זיך אָן צו רויטלען,
דערפיל איך באַלד דעם ציטער פון מיין האַרץ;
און מיינע אויגן,
מיינע אומעטיקע אויגן,
ווערן פייכט.

אין געבורט-שפּיטאָל

זי וואַרפט זיך אום פאַר ווייטיק אַפן בעט,
הויבט אויף איר קאָפּ
און מאַכטלאָז פאַלט ער אַפן קישן באַלד צוריק —
עס האָט אַף אַ מינוט זי נאָכגעלאָזט.
באַלד טוט דער ווייטיק פון דאָס ניי,
נאָך בארמלאָזער זי אַ נעם;
ווי מיט אָנגעברענטע צוואַנגען,
שנייט עס,
ברענט עס,
רייסט עס שטיקער,
פון איר צאַרטן, אָנגעשטרענגטן לייב.
קלאַמערט זי זיך מיט די בלייכע פינגער איין
אין די שטאַכעטן פון'ם בעט.
און מיט אַ צעפּייניקטן, צעקרימטן פּאָנים,
קרעכצט זי אָטעמלאָז און ווייַנענדיק אַרויס:
אוי מאַ-מע! מאַ — — —
דערהער איך אין איר קרעכץ
די אייביקע, אַלוועלטלעכע געבורט-ווייען.
פאַרשעם איך זיך פאַר איר,
און ווי אַ שולדיקער,
זיץ איך ביי איר בעט אין שפּעטער נאַכט,
לאָז די אויגן צו דער ערד אַראָפּ
און מיינע ליפּן מורמלען שטיל אַרויס:
דו ביזט די שטאַרקערע!
מיט דיין בלוט און דיינע ווייטיקן
באַזיגסטו דאָך דעם טויט. —
פּלוצלונג טראָגט זיך דורך פון ערגעץ אין שפּיטאָל,
אַ פאַרוואונדעטער, פאַרצווייפעלטער,
ענטשידענער געשריי.
הילכט עס אָפּ
ווי אַ געשריי פון אַ קראַנקער לייביכע
אין טיפן וואַלד ביינאַכט. —

ציטערט אויף מיין האַרץ
און שטילער ווערט.
און אַף די ווייסע ווענט,
דוכט מיר, שרייבט אַן אומזעבאַרע האַנט,
אַן אָנזאָג
פון אַ ניי־געקומענעם.
בלאָנדזשען מיינע בליקן אַף די ווייסע ווענט
און פרעגן:
דער ווייפלטער?

און פון איר האַלז, רייסט זיך אַלץ
דער פאַרצווייפלטער, פאַרשטיקטער קרעכץ:
אוי מאַ־מע! מאַ — — — —

מיין גרויע האָר

רייס ניט אויס מיין גרויע האָר,
דאָס איז אַן אָנזאָגער
אַז ס'הויבט זיך אָן מיין יוגנט קעניגרייך צו וואַקלען.
און אַז מיין קרוין
ווערט לאַנגזאַם צוגענומען פון מיין קינד,
וואָס קומט אויף אַף מיין אונטערגאַנג.
(מיט אַזאַ קוראַזש און לעבענספרייד,
פרייט עס זיך און לאַכט פון אַלץ)
נו וויל איך ניכטער זיין
און שאַלעם מאַכן מיט גרויע אָנזאָגער
וואָס וועלן אַלע מאָל אַלץ נייע קומען
און מיר נייע בשורעס ברענגען
פון מיין אונטערגאַנג.
און ווען די לעצטע, טרייע שוואַרצע האָר
וועט אין גרויען לאַגער איבערגיין.
וועל איך מיט קלוגע קנייטשן אַף די אויגן-ווינקלען
שמייכלען אונטערגעבעריש.
צו מיין קינד'ס פריידיקן געלעכטער.
אָט אַזוי,
וועט דער עכאָ פון מיין יוגנט,
זיצן אַף מיין טראָן
און כוצפּעדיק און שטיפעריש,
לאַכן אַף מיין גרויען אונטערגאַנג.
און איך וועל שוין אַזוי
מיט קלוגע אונטערגעבערישע קנייטשן
אַף די אויגן-ווינקלען,
דערשמייכלען און דערשווייגן דעם געלעכטער.

מײַן קינד

אַף דײַן זיבעצן־כאַדאָשימדיקן שױסל
לײג איך אַװעק מײַן שװערן קאָפּ;
טוליעט זיך אַ מאַסע
שװער געלאָדענע מיט זינד און פּײַן,
צו אַ שױם װאָס װײס נאָך ניט פֿון זינד.
זוכט אַ שװערער בױם אַ גלעט,
פֿון זײַן ערשט אַרױסגעװאַקסן צװײַגל;
בלאָנדזשען דײַנע קלײנע, פּוכקע הענטלעך
אין די האָר מײַנע װאָס הױבן אָן צו גרױען.
געפֿינט דער האַרבסט אַ טרײסט,
אין דעם שױם פֿון לױכטנדיקן פֿרילינג.
ציטערט אױף מײַן האַרץ
פֿון דײַן פֿרילינגדיקן אױסרוף:
פּאַפּאַ !
אָ פּאַפּאַ !

די באָבע זאָגט

דיין באָבע לערנט דיך
שטעלן זיך און גיין
זאָגט זי:
אָט אַזוי —
שטעל זיך אויף און גיי,
מאַך אַ טריטעלע —
נאָך אַ טריטעלע —
נו, נו, נו,
ניט געשראָקן זיך,
בייט די פיסעלעך;
אָט אַזוי אַליין
ווערט מיין נאַכאַס גיין —
כע, כע, כע,
גאָר געפאַלן, האַ?
מיר זאָל זיין פאַר דיר!
ווערסט זיך אויפהויבן,
ווערסט זיך אויסלערנען,
אָט אַזוי ווי איך
אַזאַ אַלטינקע,
זעסטו ווי איך שטיי?
זעסטו ווי איך גיי?
דוכט זיך גאָר ניט לאַנג
האָט מיין באָבע מיך
דאָך געלערנט גיין;
דוכט זיך ערשט געמאַכט
גאָר אַ קליינעם שפאַן
און שוין ווי דו זעסט
אַזאַ אַלטינקע
באָבעלע בין איך.
טע, טע, טע,
אַזאַ אַלטינקע
באָבעלע בין איך.

באַלד, מיין קינדעלע
וועט מיר זיין אַזוי
שווער אַזוי ווי דיר,
וועסטו פירן מיך
פאַר אַ הענטעלע
אַט ווי איך פיר דיך?
וועל איך שטעלן זיך,
אַט, אַ טריטעלע —
נאָך אַ טריטעלע —
אַ וואַקל און אַ פאַל.
כע, כע, כע,
וועט דיין באָבע גאָר
זיך ניט שעמען, האַ?
אָף דער עלטער ערשט
זיך צו לערנען גיין? —
בּיים זשע פיסעלעך
מאַך אַ טריטעלע —
נאָך אַ טריטעלע —
אַט אַזוי אַליין,
אַליין, אַליין, אַליין,
וועט מיין נאַכאַס גיין.

די באָבע מיט׳ן זיידן

קוקט דער זיידע אַף דער באָבען
און טראַכט:
אַזאַ גוטע ווייב,
אין דער יוגנט אַזוי שיין געווען . . .
און איצט ?
דאָס פּאָנים געל, צעקנייטשט —
נאָך אַ יאָר, נאָך אַ יאָר,
וועט מוזן גיין . . .
איך וועל אַף דער עלטער בלייבן עלנט.
ווער וועט מיר דאָס עסן אויפקאָכן?
אַ העמד פאַרריכטן?

קוקט די באָבע אפן זיידן
און טראַכט:
אַזאַ גוטער מאַן, אַזאַ טאַלמיד כאָכאָם
אַזאַ ערלעכער און פרומער.
באַלד —
נאָך אַ יאָר, נאָך אַ יאָר,
וועט זיך מוזן אָפּשיידן פון מיר . . .
וועל איך אַף דער עלטער בלייבן אַן אלמאָנע, ווײ איז מיר!
ווער וועט פאַר מיר שאַבעס קידוש מאַכן?
די סעדרע מיר פאַרטייטשן,
וויינט די באָבע —
וויינט דער זיידע —
וואָס זשע וויינסטו באָבע?
— אָט אַזוי,
דאָס האַרץ איז עפּעס שווער געוואָרן . . .
— וואָס זשע וויינסטו זיידע?
— אָט איך זע דו וויינסט — —
באַהאַלט די באָבע איר צעקנייטשטן פּאָנים
אין דעם זיידנ׳ס באָרד און שווייגט.
זידן אירע טרערן אַף זיין באָרד
און זיינע — אַף איר שטערן.
נאָר צוזאַמענמישן ווילן זיי זיך ניט.

געכאָלעמטע וועלטן

געכאָלעמטע וועלטן צערייצן מיין האַרץ,
געכאָלעמטע וועלטן אַרום און אַרום,
און יעדע באַזונדער מיך מאַניעט און רופט,
שמייכלט און ווינקט:
קום צו מיר קום!

איינע באַווייזט מיר אַ טיף־בלויען רוים,
די צווייטע — אַ זון אין שטורמדיקן יאַם,
די דריטע — אַ פרוי מיט אַ פאַקל אין האַנט
שפאַרט פון איר האַרץ
מעטאַלענער פלאַם.

וויל איך אַ שוועב טאָן צום טיף בלויען רוים,
לאַכט שעלמיש די פרוי מיטן פאַקל אין האַנט,
נעמט וואַרפן מיט שטראַלן די זון פונם יאַם,
ווער איך אַ נאַרישע
שפּילצייג ביי זיי.

פּלוצלונג פאַרטונקלט דער טיף בלויער רוים,
פאַרשוואַרצט זיך די זון און ס'ווערט בלוטיק דער יאַם,
צעשצירעט די פרוי גלעלע צײנער צו מיר
דערזע איך אַ וועלט פול מיט נויט רויב און מאָרד
גיי איך אין קאַמף קעגן איר.

צווייטער טייל

1941 - 1929

אויסשרייען ווען מען:

אויסשרייען ווען מען
מיט אַ הויך געשריי
און פאַרמעסטן זיך
אַף דער וועלט אַזוי:

איבער באַרג און טאָל,
איבער יאַם און לאַנד.
ווען מען אויפהויבן
אַ מוסקולירטע האַנט.

אויב עס העלפן ניט
מאַנענדיקע רייד,
ווערט מען צאָרנדיק
שרייענדיקערהייט.

קוילעם דונערן,
בליצט אין רויט דאָס וואָרט:
אייער מאַיעסטעט
שפּילט די לעצטע קאָרט!

ווען מען קענן זון
גיין אַ הייסן גאַנג,
מיט אַ הויך געשריי
מיט אַ היים געזאַנג.

דער מוסקולירטער ריז

ס'וועט באַלד דער מוסקולירטער ריז,
אַ הויב טאָן הויך זיין קאָל.
און ס'וועט זיין קאָל אַ טראָג טאָן זיך
אַריבער דאָרף און טאָל.
וועט איר דאָך שוין דערהערן אים
און וויסן אַז ער קומט.
און וויסן אַז ווי ביי אַ לייב
זיין צאָרן אין אים ברומט.

אַ צאָרן וואָס האָט דוירעס לאַנג,
זיך אָנגעגליט ביז רויט,
פאַרוואָס איר האָט אַוועקגערויבט
זיין הויז, זיין קלייד, זיין ברויט,
דער צאָרן וועט צעפלאַמען זיך
אַ ברענענדיקער טייך:
עס וועט דער טייך מיט כוואַליעס האַס
אַריבער איבער אייך.

ס'וועט אייער פעסטונג אומפאַלן
פון ברויזענדן וואולקאַן,
וואָס איז צעצונדן אונטער אייך
אויף יעדן טראָט און שפּאַן.

אויף אייער וואַנט, שוועבט לעניג'ס האַנט
און שרייבט אייך אייער סאָף;
איר וועט ביימאָג נאָר זען שוואַרץ
און זען רויט אין שלאָף . . .
איר וועט דעם מוסקולירטן ריז
דערזען אין זיין מאַכט,
אַז ווי וועט זיין צו דעם וואָס האָט
פון אים זיך אויסגעלאַכט.

מאַשינען וואַרטן

שטייען אַרבֿעטלאָז מאַשינען אין פֿאַבריקן,
איינגעהילט אין אומעטיקן שווייגן;
פֿאַרלאָזענע אין הילפֿלאָזן לאַנגווייל,
ווי דרעמלענדיקע לייבֿן אין די שטייגן.

וואָלט ווער געקומען און אַ דריי געטאָן אַ רעדל,
אַ ווײַלע כאָטש באַוועגלעכקייט זיי געבֿן;
אַ שטראָם געטאָן דעם קויאַך פֿון עלעקטריע
און זאָלן זיי דערפֿילן אַז זיי לעבֿן.

שטייען אַרבֿעטלאָז מאַשינען אין פֿאַבריקן,
שווייגן די קאָנווייערס און די זעגן;
דוכט זיך: אָט וועלן זיי אַלע זיך אַ ריר טאָן
און צאָרנדיקע אָנהויבֿן צו פֿרעגן:

וואו זיינען די וואָס האָבֿן דאָ געאַרבֿעט?
מיט סייכל און מיט ליבֿע אונז באַשאַפֿן?
צי זיינען זיי ווי מיר איצט עלנט און פֿאַרלאָזן
ווי אין אַ מידבֿאָר אויסגענוצטע שקלאַפֿן?

אָדער הויבֿן זיי זיך מיט פֿאַרשטייפֿטע פֿויסטן
אין קאַמף אין בֿלוטיקן אַנטקעגן אונטערדריקער?
נו, וועלן מיר זיך דאָס צערוישן און צעיאָגן,
אין זייער טאָג פֿון זיגרייכן צוריקקער!

שטייען אַרבֿעטלאָז מאַשינען אין פֿאַבֿריקן,
איינגעהילט אין אומעטיקן שווייגן;
פֿאַרלאָזענע אין הילפֿלאָזן לאַנגווייל,
ווי דרעמלענדיקע לייבֿן אין די שטייגן.

דער אַלטער דזשים

די בלעטער אַף די ביימער בייטן די קאָלירן,
עס פילט זיך שוין דער האַרבסט אין פייכטער לופט;
רוט זיך אָפּ פון וועג אַ גרויסער שוואַרצער פויגל,
קוקט זיך אום און שרייט עפּעס און רופט.

זיצט דזשים, דער אַלטער פאַרבער אַף אַ באַנק אין פּאַרק,
אַן אַלטע קאָרן ליולקע קלאַמערט ער אין מויל;
שפּייט ביז אין גראָז, מורמלט און באַקלאָגט זיך
און בלאָזט דעם רויך אין נעבל לאַנגווייליק און פויל.

אַ לעבן אָפּגעפּאַרבט און אַזוי שווער געאַרבעט,
מיט עמערס פאַרב און באַרשט אין אָדערדיקע הענט;
גאַנץ אָפט דאָס לעבן איינגעשטעלט אַף רישטאָוואַניעס,
צו פאַרבן אונטער הייסער זון די הויכע ווענט.

און איצט — אַ שטוב מיט אַרבעטלאָזע קינדער,
דאָס קלענסטע גייט גאַנץ אָפט אָן אָנבייסן אין שול;
די גרויסע טראַגן אַלע טאָג געזונטע הענט פאַרקויפן,
די לופט אין שטוב מיט ביטערנים איז פול.

פאַרקרימט זיך דזשים און שפּייט אין פייכטער לופט:
ביטער, גוטער ברודער ס׳לעבן אַף דער וועלט!
צו וואָס נאָך דאַרף אַזאַ ווי איך זיך שלעפּן אַף די פיס
ווען ס׳לעבן איז אַזוי אָן יושער דאָ אַוועקגעשטעלט?!

גרייט זיך שוין דער פויגל ערגעץ ווייט צו פליען,
און דזשים, פרעגט צאָרנדיק אין פייכטער לופט אַריין:
ווען וועט שוין אַמאָל דאָס וועלטל בעסער ווערן?
אַז כאָטש די קינדער מיינע זאָל נאָך בעסער זיין?

פון ניויאָרק ביז קאַליפאָרניע

פון ניויאָרק ביז קאַליפאָרניע
לאַכט די זון אַ גרויס געלעכטער;
אַף די פעלדער ברייטע,
ווייטע און צעשפרייטע:
מע וועט זייען,
עס וועט וואַקסן.
מע וועט שניידן און זיך פרייען:
אַזאַ שעפע!
אַזאַ שעפע!
פאַר וועמען? . . .

פון ניויאָרק ביז קאַליפאָרניע
וואָגלען ווינטן.
פון די קעפּ פון קאָלאָראַדער בערג,
רייסן זיי די ווייסע קרוינען,
בייזערן זיי זיך און וויינען:
קוקט נאָר אַף די ווייט צעשפּרייטע פעלדער!
קוקט נאָר אָן —
די וואָס זייען דאָרט און שניידן
מיטן שווייס פון זייער פּאָנים —
פאַר וועמען? . . .
עס וועלן קומען סאָחרים, שפעקולאַנטן,
אַלץ פאַר זיך פאַרנעמען.
בערג מיט טוואוע אין די שפייכלערס האַלטן,
אויב מע וועט באַדאַרפן,
וועט מען דאָס אין רינשטאָק פאַרוואַרפן,
אום די פרייזן אויפצוהאַלטן.

פליען ווינטן דורך די קאַליפאָרניער וועלדער,
רייסן די טשופּרינעס
פון די אַלטע, דיקע ביימער:
זעט!

קוקט נאָר אָן אַ שעפע!
אויסגעשפרייטע סעדער
שמעקן מיט ציטרינען,
אַפּעלסינען,
האָניקפולע פייגן,
פלוימען, טייטלען, אַבריקאָסן,
— ווער קען ציילן אַלע פרוכטן? —
בויגן, בויגן זיך די צווייגן
שווערע צו דער ערד אַראָפּ.
שטייט דער אַלטער גרינער זיידע,
דער באַרג „ווילסאָן"
האַלט ער שטייף און שטאָלץ
זיין גרויסן גרינעם קאָפּ,
קוקט אַף אַלץ אַראָפּ
און שווייגט.
זעט ער דאָרטן:
מאַכנעס מעקסיקאַנער,
יאַפּאַנעזער,
שפּאַניער און כינעזער,
באָרוועס, נאַקעט,
אונטערן בייטש פון זאַטע שויטרים,
קלייבן פרוכט און שלינגען שטויב,
אויסגעמישט מיט שוויים און טרערן.
אויסגעפּוצטע דזשענט-ספּעקוליאַנטן,
קוועלן אָן פון זייער שיינעם רויב,
שטשירען זיי די ציין
ווי וועלף אַרום אַ סטאַדע שאָף.
און ווען די קאַליפאָרניער קילע נאַכט פאַלט צו
און די פאַרהאָרעוועטע סטאַדעס
ציען אין די ביידלעך מידע גלידער אוים,
פרייען זיך די וועלף
טיף אין זייער פאַרפומירטן שלאָף:
מע וועט פירן קאַסטנס שמעקענדיקע פרוכטן,
קיין שיקאַגאָ,
קיין ניויאָרק,

מע וועט אָנפּילן די קראַמען.
די שענסטע —
וועט מען אין די פענצטער ווייזן,
רייצן אַפּעטיטן.
ווייבער וועלן קויפן,
צאָלן גוטע פּרייזן,
און מיליאָנען האָלעדראַנצעס וועלן שמעקן,
קלייבן אָפּפאַל פון פוילע פּרוכטן
פאַר די הונגעריקע קינדער.

בייזערן זיך ווינטן:
אַף מעלאָנען־פעלדער,
אף די באַוול־פעלדער פון דעם דאָרעם
ברענען נעגערס אונטער גליענדיקער זון,
זאַמלען באַוול און מעלאָנען.
שטייען דזשענטלליים און קוועלן:
אַזאַ שעפע!
אַזאַ שעפע —
פאַר בלוי־בלוטיקע באַראָנען.
ווינטן וויינען,
גלעטן גליענדיקע נעגער רוקנס:
ברענט און בראָט זיך —
מע וועט אייך דערפאַר באַלוינען!
צוליב אייך אַ גרויסן יאָנטעוו מאַכן,
אייך אינמיטן נאַכט פון שלאָף אויפוועקן,
אייער גוף —
מיט פעך און פעדערן באַדעקן,
מע וועט שמייסן!
מע וועט לינטשן!
און ווען איר וועט זיך האַלב טויטע
אַף די שטריקן צאַפּלען,
וועלן די בלוי־בלוטיקע באַראָנען
שטיין פונווייטן,
לאַכן
און זיך האַלטן ביי די זייטן!

דאָס ליד פון דזשעקסאָן דעם נעגער

איז דזשעקסאָן געגאַנגען אַף סטעיט סטריט פאַרנאַכט,
באַגעגנט אַן אַלטינקן נעגער:
כ׳בין הונגעריק זיידע, וואו נעמט מען אַ ברויט?
וואו נעמט מען אַף נאַכט אַ געלעגער?

איך קום פון דער סאַוט, געגאַנגען צופוס,
אין רעגן, אין היץ, אין געפרוירן;
געציטערט: אַט וועט מען מיך כאַפּן אין וועג,
אַט וועט מען אין טפיסע פאַרשפּאַרן.

געלאָזן אַ ווייב מיט אַ קינד אין דערהיים,
געוואַגלט אַליין דורך די שטאַטן —
זיי ווײנען מיסטאַמע און בענקען אַזוי
נאָך מיר, דעם פאַרדינער . . . און טאַטן.

מיין ווייב איז דאָרט איצטער ביי ווייסע אַ דינסט —
זי איז אַ מולאַטקע אַ שיינע:
אַ פּנים פול כיין, מיט אַ פלאַמיקן בליק,
די פיס אירע — פיינע און קליינע.

נו, קריכן דאָרט ווייסע כאַזיירים צו איר —
זיי האַסן אונז נעגערס ווי שפּינען;
נאָר זוכן אַ שיינע מולאַטקע וואָס זאָל
מיט אַלצדינג זיי קאָנען באַדינען . . .

געהערט האָב איך דאָרטן אַז אין שיקאַגאָ,
אַ נעגער קאָן אַרבעט געפינען;
אַז דאָ אין די שלאַכטהייזער קריגט מען אַ „דזשאַב"
כאָטש אַף צו עסן פאַרדינען.

נו, בין איך געקומען, געשטעלט זיך ביים טיר,
געבעטן מיט ליפּן און אויגן:

געבעטן אַ „דזשאַב" און כ'האָב מיך אײנגאַנצן
געגומען האַכנאָעדיק בױגן.

מ'האָט מיר געענטפערט: קײן „דזשאַב" איז ניטאָ
אפילע אַ װײסן צו געבן —
צי װײסטו ניט זײדע װאו קאָן איך איצט גײן?
װאו נעמט מען כאָטש הײנט אַף צו לעבן?

אינדיאנער זומער

טעג.
טעג.
טעג.
אָך, ס׳אַראַ טעג!
וואַרפֿן זיך מיט גאָלד.
יעדן פֿעלד,
יעדן דאָרף,
יעדער שטאָט אַ זשעמניע גאָלד;
אַפֿילו דער פֿאַררויכערטער שיקאַגאָ.
נאָר די הונגעריקע,
אָפּגעריסענע,
וואַלגערן זיך אויף די גאַסן:
מעדיסאָן, קאַנאַל און דזשעפֿערסאָן,
קאָנען פֿאַר דאָס גאָלד
קיין ביסן ברויט ניט קויפֿן.
טעג.
טעג.
טעג.
טעג וואָס פֿילן אָן דאָס האַרץ
מיט קאַמף און זינגענדיקער פֿרייד,
אין אַזעלכע טעג
וואָלט גוט געווען:
אַ הויב טאָן זיך,
אַ נעם טאָן זיך
און אָנהויבן אַ כוואַליענדיקן גאַנג,
פֿון מעדיסאָן,
קאַנאַל און דזשעפֿערסאָן,
דורך דירבאָרן, סטעיט און מישיגן בולוואַר
צו „לייק־שאָר־דרייוו״
אונטערפֿירן דעם סאַכאַקל דאָרט
פֿאַר אַלע הונגעריקע טעג,
פֿאַר נעכט —

אַף טראָטואַרן אויסגעמאַטערטע,
פּאַר קאַליקעס —
מיט יונגע פּענימער צעפּייניקטע,
וואָס שטייען דאָרט אַף רעדלעך אַנשטאָט פיס
און זינגען בעטלענדיק אַ שטיקל ברויט!
פּאַר קינדער אָפּגעריסענע, פאַרכווישעכטע,
מיט אויגן פּיבערדיקע
נאָך אַ טראָפּן מילך!
און די טעג —
געצוואָגענע, פאַרקאַמטע,
זאָלן העלפן אויסגלייכן
די טראָטואַרן:
וואו מ׳וואַלגערט זיך די נעכט
אַף שטיין מיט צייטונגען פאַרבעט,
מיט יענע —
וואו פרויען
אויסגעכאַליעטע, פאַרצערטלטע
שפּאַצירן אום
מיט ווייסע פודלס אַף די הענט.
און מיליאָנען הערצער,
אויפגעבריזט מיט זיגערישער פרייד,
זאָלן זיך אַ נעם טאָן פאַר די הענט
און אַ שטורם טאָן אַ ליד
פון פריידיקער באַנייאונג
אַז די זיילן פון דער וועלט
זאָלן אַ ציטער טאָן.
אין אַזעלכע טעג.
טעג.
טעג.
וואָס וואַרפט זיך מיט גאָלד —
אַך ס׳אַרא טעג!

אין שיקאַגאָ

דער ווינטער אָוונט קומט מיט קאַלטער טונקלקייט,
דראַפּעט זיך די קאַלטע טונקלקייט אַף ביימער און אַף ווענט.
גליטשט זיך דורכן פראָסט די זון די קאַלטע
שפּרייט קאַלטן פייער ווייט און ברייט,
ווי ס׳וואָלט אַן אייז־יאַם דאָרט געברענט.

אַף די גאַסן: מעדיסאָן, קאַנאַל און דזשעפערסאָן,
גייען הונגעריקע, אָפּגעריסענע,
טראַכטן, וואו אַ נאַכטלעגער געפינען,
קלייבן אַף די טראָטוארן ציגאַרעטלעך שטיקלעך,
אויסגעלאָשענע, אַוועקגעוואָרפענע,
און בעטלען ביי דעם הימל דעם באַגינען.

מען האָט אַוועקגעוואָרפן זיי אַף האַרטע טראָטואַרן,
ווי די שטיקלעך ציגאַרעטלעך וואָס זיי קלייבן;
בלוי פון הונגער און פון קעלט,
וויקלען זיי זיך אין די מאַנטלען לעכערדיקע
און הענט אָן הענט זיך רייבן.

ביי די „על" סטאַנציעס שטייען זיי,
בעטלען צייטונגען געלייענטע
ביי איילנדיקע פּאַסאַזשירן,
וואַרפן פיבערדיקע בליקן צו דער ערד:
ס׳וועט עפּשער ווער אין איילעניש
דאָ אַ פּאָר סענט פאַרלירן.

פאַר אַ צייטונג און אַ פּאָר סענט דערצו
קען מען שוין אַ טעפּל קאַווע קויפן,

און אַז מען שאַרט פון מיסט-קאַן אויס אַ שטיקל ברויט
הויבט מען אָן אין איילעניש
אין רעסטאָראַן צו לויפן.

אָבער מאָדנע מענטשן זײַנען פּאַסאַזשירן:
ווילן ניט פאַרלירן, האַלטן שטייף דעם סענט!
נאָר אַ צײַטונג אַ געלייענטע
וואַרפן זיי דיר צו, און איילן זיך
ווי ס׳וואָלט ערגעץ דאָ געברענט!

טאָם

דער הויכער טאָם, דער נעגער, זאָגט אַזוי:
אַ פויגל, האָט אַ נעסט און פליגלען צוויי.
איז וויל ער, טוט ער זיך אַ הויב און פליט אַוועק
און לאָזט זיך ערגעץ אין די וועלדער אַף געיעג.
געפינט ער זיך זיין שפייז, אַ וואָרים, צי אַ שלאַנג
און ברענגט צו זיינע קינדער זיין געפאַנג.
און איך בין גרעסער פון דעם פויגל דאָך אַזוי
און האָב אין קעלער־שטוב, אַ ווייב און קינדער צוויי.
לויף איך אום און זוך אַ דזשאָב פון פרי ביז שפעט
און לייג זיך אָפט אָן אָוונט־ברויט אין בעט.
מיין ווייב פאַרדינט נאָך פופציק סענט אַ טאָג;
איז קומענדיק אַהיים גיט זי מיר בייז אַ זאָג:
דו גרויסער אומגליקלעכער, פוילער נעגער דו!
וואו שלייעסטו זיך אום אַ טאָג, צום טייוול, וואו?
אַז איך דאַרף וואַשן וועש אַ טאָג פאַר פופציק סענט,
און אָפּזייפן דעם דיל, און אָפּשטויבן די ווענט,
צו ברענגען מיינע קליינע נעגערלעך דאָס ברויט,
קומסטו נאָך אַהיים און פרעסט וואָס איך האָב אָנגעגרייט?
בויג איך אָן מיין קאָפּ און טראַכט: זי איז גערעכט;
זי ווייס דאָך ניט ווי שווער מיר איז און שלעכט,
אַרומזוכן אַ דזשאָב און קלאַפּן טיר נאָך טיר,
און אומעטום דעם זעלבן ענטפער גיט מען מיר.
זי ווייס דאָך ניט אַז אין מיין האַרץ אַ פייער ברענט,
און פליען קען איך ניט מיט מיינע לאַנגע הענט . . .
ענטפער איך איר גאָרנישט אַף איר בייזער זידלעריי,
אַפילו ווען זי גיט אַף מיר אַ זשיפּענדיקן שפּיי.

אַ מענטש

העי! אַ וואַרע מאַכט!
עס גייט אַ מענטש!
אָט גייט ער אַף די טרעפּ,
עס שלעפּן זיך די פיס ווי אָנגעשוואָלענע,
די טריט — ניט זיכערע,
די באַקן — איינגעפאַלענע,
האַלטן — סטאַם אַזוי אַף זיך פון יוצא וועגן —
אַ נאָז אַן אויסגעצויגענע,
אַ שפּיציקע, אַ בלייכע;
די אויגן — פיבערדיקע, טרערנדיקע.
קומט אַריין אין רעסטאָראַן דער מענטש,
אָן איינגעקארטשעטער אין זיך,
מיט אַ קאָפּ אַראָפּגעלאָזענעם,
(ווי ער וואָלט פּלוצלונג ווערן קירצער מיט אַ קאָפּ)
שטייט און וואַרט—
וואַרט און שטייט —
וואָס וויל אַ מענטש? —
אַ מענטש איז הונגעריק!
דריי טעג שוין ניט געגעסן האָט אַ מענטש! — — — —

העי איר זאַטע, אָפּגעפרעסענע,
אויסגעכאַליעטע,
פון לייקשאָר דרייוו!
פון מישיגן בולוואַר!
און פון אַלע לוקסוס-ווינקלעך אייערע!
טוט זיך אָן אין שוואַרצע פראַקן!
מיט אייערע צילינדערס אַף די קעפּ,
מיט די נאַפּקעס אייערע פאַרפּוצטע, ביי די זייטן,
הענגט אָן אַף זיי דאָס אָנגערויבטע צירונג,
גיט זיי ווייסע פּודלס אַף די שויסן,
זעצט אַריין זיך אין אויטאָמאָבילן.
קומט אַהער און קוקט:
ווי עס עסט אַ מענטש

וואָס האָט דריי טעג שוין ניט געגעסן!
ווי עס עסט אַ מענטש,
אויסגעבעטלט ברויט,
אין אַ לאַנד פון לוקסוס און פון גליק!
פון מיליאָנען דאָלערדיקע טורעמס,
וואָס ער האָט אויסגעבויט פאַר אייך!
אין אַ שטאָט
פון סוויפט־ענד־קאָמפּאַניע,
ראָזענוואַלד און ריגלי,
מעיאָר סערמאַק און קאַפּאָני.
נעמט זיך אַלע פאַר די הענט
און טאַנצט דאָ אייער רויבער־קאַראַהאָד!
אייער שיידים־טאַנץ,
אַרום דעם מענטש דעם אויסגעהונגערטן!
טאַנצט !
טאַנצט !
ניט לאַנג וועט איר נאָך טאַנצן!
עס וועט דער מענטש דער אויסגעהונגערטער
אַ וויש טאָן זיינע טרערנדיקע אויגן,
אַ שטויס געבן פון זיך
די טעלער און דאָס בעטל ברויט —
אַ הויב טאָן זיך
און אויסגלייכן די אַקסלען און דעם קאָפּ,
אַריינשטעכן זיין נאָז,
די שפּיציק אויסגעצויגענע,
אין די זאַטע, פאַרפּיומירטע הערצער אייערע;
די פיבערדיקע בליקן,
ווי פאַרסאַמטע פיילן,
טיף אין אייער בלוט אַריינציאָגן!
און מיט זיינע אָדערדיקע הענט
צעפּאָכן זיך
איבער די צילינדערס!
טאַנצט !
טאַנצט !
ניט לאַנג וועט איר נאָך טאַנצן !

טשעין - גענג

קייטן.
קייטן.
קייטן.
קלינגען די קייטן אַף פיס פון געפאַנגענע קנעכט;
קלינגען און ריידן:
מיר האָבן פאַר רוימישע הערשער,
געפענטעט די פיס פון געפאַנגענע קנעכט,
וואָס האָבן די פעלדער געאַקערט,
פּאַלאַצן געבויט
פאַר פּאַטריציער.
און אומעטום,
וואו עס זיינען נאָר הערשער געווען,
האָט מען באַנוצט אונז
צו פענטען די פיס פון די קנעכט.
איצט זיינען מיר דאָ
און מיר קלינגען אַף פיס —
פון די „פרייע" און „בראַווע"
אין לאַנד פון די יענקים,
אַף דזשאָרדזשיער פעלדער און וועגן
אין 1933

גלאַנצן געפייניקטע שוויסיקע לייבער,
אונטער דער ברענענדער זון.
שווינגען די קירקעס אין לופטן,
אין האַרטע, צעיאַטרעטע הענט
און לאָזן זיך האַסטיק אַרונטער,
מיט ריטמישע קלעפּ,
אַף פעלזיקע שטיינער.
הילכן די קלעפּ פון די קירקעס,
אינאיינעם מיט קלונג פון די קייטן
אַף וואונדיקע פיס,
אינאיינעם מיט שמיץ פון די שויטרים

אַף גלאַנציקע, שווייסיקע פלייצעס.

אַף דזשאָרדזשיער זוניקער ראַכוועס,
קריצן אין קייטן פאַרקאָוועטע קנעכט
מיט די ציינער.
מ׳האָט זיי געפאַנגען —
צו בויען די וועגן און בריקן
פאַר בלוטיקע הערשער,
צו זאַמלען דעם באַוול
אַף פעלדער פון רייכע פלאַנטאַטאָרס;
ברענען די אויגן מיט צאָרן,
זעצט פון די לייבער אַ פאַרע
פון קאָכיקן האַס:
וואַרט אויס פאַטריציער!
וואַרט אויס איר הערשער
מיט דער בייטש און קייט!
עס וועלן זיך גלייכן געשמיסענע רוקנס,
עס וועלן זיך הויבן
שווייסיקע, גלאַנציקע נאַקנס,
עס וועט זיך צעטראָגן אַ ברומען
פון בראַנזענע ברוסטן,
אַריבער די דזשאָרדזשיער
פעלדער און וועגן,
אין טאָג פון קאַמף
פאַר באַפרייאונג.
עס וועלן אַ שוואונג טאָן די קירקעס!

כ׳האָב היינט געזען אַ מענטש

כ׳האָב היינט געזען אַ מענטש, אין שמאַטעס אָנגעטאָן,
מיט בלויז איין פינגער אויף דער רעכטער האַנט;
דער ווייזפינגער, וואָס האָט געדראָט, פּראָטעסטירט,
און האָט דער וועלט אין פּנים גלייך אַ וואָרף געטאָן איר
שאַנד.

העלאָ, באַדי — ווילסט אַ ציגאַרעט? —
ווייזט ער מיטן פינגער צו דער הויך,
צו בעלמעדיקע פענצטער פון אַ שטאָל־פאַבריק,
וואו פון אַ קוימען קנוילט זיך גרוי אַ רויך.

דאָרט — דו זעסט — האָב איך מיין לעבן אויסגעברענט,
דאָרט האָט אַ מאַשין מיין האַנט אַריינגעכאַפּט;
פיר פינגער אָפּגעביסן און די האַנט צעדריקט,
איז מיין לעבן איצט איין ווייזער אויפן ציפערבלאַט.

מיין ווייב איז מיטן קינד ערגעץ וואו אַוועק,
וואוהין? דאָס ווייס איך ניט, גיי זוך אַ ווינט אין פעלד —
וואָס טויג אַ מאַן מיט אַזאַ עקלדיקער האַנט?
האָט זי געלאָזן מיך אַליין אין אַ זעקספינגערדיקער וועלט.

די אויגן האָבן פייכט און בענקענדיק געקוקט
פון אונטער אַלטן, שמוציקן קאַשקעט:
אָט דאָרט האָב איך מיין לעבן און מיין רעכטע האַנט פאַרצוקט
האָט ער געשטאָכן מיטן פינגער צום פאַבריק און
גאַוועדיק גערעדט.

איך האָב געזעגנט זיך מיט אים און בין אַוועק,
איבער גאַסן אומרואיק פאַרקלערטערהייט געשפּאַנט —
נאָר אומעטום האָב איך דעם גאַנצן טאָג געזען אַ פלעק,
— אַ פאַרשמאַטעטן מענטש מיט אַן איינפינגערדיקער האַנט.

אַ ניקעלע

אָוונט.
וויגן מענטשן זיך
אין פּייל־פון בויגן יאָגנדיקן באַן.
פּענימער — אַראָפּגעלאָזענע, אין זיך פאַרטיפטע.
פּענימער — אָפענע, אויפגעהויבענע.
אויגן — מידע, דרעמלענדיקע,
אויגן — וואַכנדיקע, פייערדיקע.
לעבנס — לעשן זיך,
לעבנס — צינדן זיך.
אַלע יאָגן זיך און וויגן זיך אין יאָגנדיקן באַן.
(וויגן אַף אַ ווײַלע איין די צאָרעס און די פרייד)
אונטער גרוים ניו־יאָרק
איבער גרוים ניו־יאָרק.

ווי פון אונטערערדישער באַהעלטעניש,
שיסט זיך אין וואַגאָן אַריין,
אומגעריכט —
אַ גאַסט אַ ניט געבעטענער,
אַ מענטש מיט אויסרופן:
אַ ניקעלע!
אַ ניקעלע אַ וועק־זייגער!
און אין דעם וועק־זייגער —
אַ מעסערל, אַ בלייפעדער צו שאַרפן!
אַ ניקעלע!
אַ ניקעלע, פינף סענט!
אין קראָם וועט עס אייך קאָסטן ניינצן סענט!
איך גיב עס אַ מאַטאָנע אייך!
פאַר אייער קינד צו שפּילן זיך
און פאַר אייך — אַ בליי־פעדער צו שאַרפן! —
(איך אַליין האָב קינדער צוויי
און דאַרף זיי געבן עסן)
אַ ניקל בלויז!

אַ ניקעלע!
פינף סענט!

קלאַפּן זיינע בעטנדיקע ליפּן
מיטן ריטם פון דער רעדער־קלאַפּעריי,
לויפן זיינע בליצנדיקע אויגן
צו די הענט
וואָס ליגן פויל און גלייכגילטיק אַף קני
און רוקן זיך ניט אין די קעשענעס נאָך ניקלס.
האָט קיינער גאָר זיין אויסרוף ניט געהערט?
געהערט.
נאָר —
מיט אַ ניקל שפּילט מען זיך ניט היינט!
אַ ניקל אַז מען וואַרפט אים אין מאַשין אַריין,
קאָן מען זיך אַריינשיסן אין באַן
און יאָגן זיך —
אונטער גאַסן,
איבער גאַסן פון ניו־יאָרק
צו זוכן וואו אַ שטיקל ברויט פאַרדינען.
פאַר אַ ניקל —
עסט מען דאָך אַ שמעקעדיקן האָט־דאָג
איידער מ׳גייט שלאָפן ערגעץ אין אַ פּאַרק.
אַ־האָ — אַ ניקל!
אַ קלייניגקייט, אַ ניקל!

רוקן זיך ניט הענט אין קעשענעס נאָך ניקלס.
אומזיסט דאָס האַרץ דאָ אויסגעשריען,
אומזיסט אין האַלז פאַרטריקנט.
קלינגט זיין קאָל שוין דאָרט,
אין צווייטן יאָגיקן וואַגאָן.
אינאיינעם מיט דער רעדער־קלאַפּעריי,
אינאיינעם מיט די טומלדיקע,
ראַשיק פליענדיקע מיילן,

אינאײנעם מיט די װײגנדיקע שאָען
אונטערערדישע:
„אַ ניקעלע!
אַ װעק-זײגער!
אַ שפּילכעלע פֿאַר אײער קינד!
אַ ניקעלע!
פינף סענט!"

דייטשלאַנד

דייטשלאַנד!
ס'האָט האַקנקרייץ, אַרויפגעלייגט אַף דיר זיין האַנט,
אין ציינער וועלפּישע פאַרקלעמט דאָס גאַנצע לאַנד.
און איד און קאָמוניסט און ווער עס דענקט נאָר פריי,
פילן היטלער'ס לייט אים אָן מיט הייסן בליי.
די בורזשואַזע וועלט — זי פרייט זיך שטילערהייט:
ס'איז דייטשישער „ראָט-פראָנט" שוין איצט אַף אייביק טויט.
די בורזשואַזע וועלט דערקוויקט זיך מיט'ן בלוט
און שצירעט געלע ציין: ס'איז גוט אַזוי! ס'איז גוט!
ס'האָט איר אַ שיין געטאָן ווי איינעם פאַר'ן טויט,
צעטאַנצט זי זיך פאַר פרייד און שפּרינגט אַזש פון דער הויט.
און טייער ווערן איר די מערדער, היטלער'ס לייט . . .
צעפוילטע קריזים וועלט! דו פרייסט זיך פאַר דער צייט!
דו טרינקסט זיך וועלט און כאַפּסט זיך אָן אַ שטרוי,
און מיינסט: ס'איז דיר שוין גוט, עס וועט שוין זיין אַזוי?
עס וועט ניט זיין אַזוי, דו רויבערישע וועלט!
ס'האָט ליקע-כאָמע נאָר דערוויייל די זון פאַרשטעלט!
דו וועסט באַצאָלן פאַר'ן טויט פון יעדן קאָמוניסט!
פאַר בלוט פון יעדן איד וואָס טריפט אין דייטשלאַנד'ס מיסט.

איך האָב אים געזען אין כאָלעם

איך האָב אים לעצטע נאַכט געזען אין כאָלעם
מיט אויגן שלאַנגישע האָט ער אַף מיר געקוקט;
איך בין געשטאַנען גרייט אין אים צו שיסן —
האָט זיין ברוטאַלער פּאָנים קאַנוואָלסיוו געצוקט.

דורך קריץ פון ציין האָט ער אַרויסגעזשיפּעט:
דו, מיין ערקסטער סוינע, איד און קאָמוניסט!
איך האָב געענטפערט: מערדער, ס׳קומט דיין סאָף איצט!
האָסט מיין פאָלק פאַרפייניקט און פאַרוויסט.

אַ געזאַנג פון טויזנטער מאַרשירער,
האָט אָנגעפילט מיט פרייד פון זיג די גאַס —
דאָס זינגען אונזערע! די זיגער! קאָמוניסטן! —
ער האָט גענומען וואַקלען זיך און ציטערן פאַר קאַס.

מיר גרייפן אָן און ער הויבט אָן פאַרשווינדן,
ער האָט גענומען איינשרומפּן און ווערן קליין,
ביז עס איז פון אים אַ שאָטן בלויז פאַרבליבן,
פון אים, זיין קלאַס, און פינצטערן געביין.

— פאַרשווינדסט, און מיר וועלן דאָ בלייבן,
מיר וועלן אויפבויען אַלץ וואָס דו האָסט פאַרוויסט;
מיר וועלן דיך דערמאָנען מיט אַ קלאָלע
ווען ס׳וועט דיין נאָמען פוילן אַפן מיסט!

סע געפעלט אים ניט

שטרייבער'ן געפעלט ניט וואָס מען גיט געלט דער „מאָרגן-פרייהייט". ער באַמערקט דערביי, אַז אַזוי ווי עס איז ניטאָ קיין אידישע אַרבעטער, איז ניטאָ קיין לייענער פון „דער קאָמוניסטישער צייטונג".

דעם כאַזער געפעלט ניט דאָס ליכט פון דער זון,
דעם שפּין — דער בעזים, וואָס קערט אוים דאָס הויז.
אין כורווע אין וויסטער באַוואָרפן מיט מיסט
ווערט פעט און עס הוליעט די מויז.

דער טכויר געפינט שוין די נאַרישע הון.
זיין קאָרבן געפינט אויך דער דעגענעראַט.
די וועלט אָבער ווייסט פון דעם גאַנעוו דעם סאָף:
עס קערט די געשיכטע איצט איבער אַ בלאַט.

דו וועסט נאָך דעם אידישן אַרבעטער זען
מיט פויסטן געהויבן אין אַרבעטער-רייען,
אינאיינעם מיטן אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט,
וועט ער אַף דיינע מאַפּאָלעם זיך פרייען.

און ס'וועט „מאָרגן-פרייהייט" דערלעבן די צייט,
די נייעם אילוסטרירט צו די אַרבעטער ברענגען —
ווי אַלע באַנדיטן פון נאַצישן רייך
אַף דייטשישע סלופּעם מיט סוואַסטיקאַס הענגען.

צו אַ אידישער קעלנערין

מיטן ציילאָמ'ל אַף דיין ווייסן, פיין געטאָקטן האַלז,
נאַרסטו אָפּ דיין באַלעבאָס פון רעסטאָראַן;
מיך אָבער קענסטו ניט אָפּנאַרן.
איך דערקען אין דיינע אומעטיקע, שוואַרצע אויגן,
גרויל פון טויזנטיאָריקע פאַרפאָלגונגען,
אינקוויזיציעס און וואַנדערונגען דורך אַלערליי געפאַרן.

אַזוי האָבן די עלטער-עלטער זיידעס אונזערע,
אָפּגענאַרט די טאָרקוועמאַדאָס, איזאַבעלאַס,
ביז איצט אַ מאַראַן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט;
צוליב אַ שטיקל ברויט, אַ קליידל, אַ פּאָר שיך.
שעם זיך ניט, ניט דיינער איז דער שווינדל,
אַף דיין ציילאמ'ל האָב איך זיך ניט געוואונדערט.

האָסט מיין שמייכלדיקן בליק פאַרשטאַנען,
און דערלאַנגענדיק דאָס עסן, שטיל אַ זאָג געטאָן:
„איך האָב אים אָפּגענאַרט דעם היטלער-הונט"
כ'האָב אין דיין קאָל געהערט פאַרצווייפלטן געשריי:
פון בערלין, פון דאכאו און זבאנזשין,
און אין האַרצן האָט צעבלוטיקט זיך אַ וואונד.

אין דרויסן האָבן שיידים אין אַ שניי-שטורם געטאַנצט,
ווי די נאַצי-שיידים אין בערלין און ווין,
האָב איך אַף דיין ציילאמ'ל דערזען די שאַנד
פון דער וועלט, אין צייט פון פליענדן געדאַנק.
אין דער מינוט האָב איך נאָך מער באַקומען ליב
דאָס לאַנד פון זון-אויפגאַנג, סאָוועטן-לאַנד.

שפּאַניע

ס׳איז ווייט פון מיר דיין לופט, דיין זון און רעגן,
דיין שפּראַך, דיין ליד, דיין הימל און דיין ערד;
דאָך נאָענט איז מיר איצט דיין קאַמף פאַר ברויט און פרייהייט,
וואָס דו קעמפסט העלדיש אוים מיט פייער און מיט שווערד.

ס׳האָט לאַנג געדריקט אַף דיר דער גייסט פון טאַרקוועמאַדאָ,
פון איזאַבעלאַ׳ס בלוטדורשטיקן טראָן;
איצטער וויל פאַשיסט דיך אונטערדריקן
און בלוטיק אויספלעקן מיט סוואַסטיקאַס דיין פאָן.

דאָס איז די זעלבע שלאַנג פון מיטעלאַלטער,
וואָס בענקט צוריק צום שייטערהויפן פלאַם;
דאַרף מען איצט אַראָפּהאַקן דעם קאָפּ איר
און אָפּשטעלן דעם שטראָם פון ברענענדיקן סאַם.

ס׳איז נאָענט מיר דו הייסבלוטיקער כאַוועׂר,
דיין וואונדערלעכער קאַמף אַנטקעגן דעם פאַשיסט;
איך ווייס און פיל וואָס ס׳מיינט פאַר דיר זיין הערשאַפט —
עס ווערט דיין יעדער זיג, מיט פרייד פון האַרץ באַגריסט.

עס שלינגט מיין בליק די נייעס פון דיינע שלאַכטן,
עס וועט דער האַקנקרייץ דאָך ניט באַהערשן דיך —
איך העלף מיט וואָס איך קען דיר, כאַוועׂר פון דערווייטנס;
עס איז דיין קאַמף, מיין קאַמף. היינט דו און מאָרגן—איך.

סאַלוט, איר בראַווע מיינערס פון אסטוריאַ!
און אַלע וואָס פאַרטיידיקן דאָס לאַנד;
ביז אייער פרייהייט וועט ניט זיין געזיכערט,
זאָל גלאַנצן אייער שווערד אין קעמפנדיקער האַנט!

צו אַ וואָלונטיר

אַ כאַוועך, איך בין דיר מעקאַנע,
— איצט האָב איך דיך ריכטיק דערקאַנט —
דו פאָרסט קיין מאַדריד זיך צו שלאָגן
און פירסט איצט דיין לעבן צום פראָנט.

ווי טייער עס איז דיר דיין לעבן,
איז טייערער דיר אונזער זיג —
אַנטקעגן פאַשיסטישע מערדער
וואַרפסטו דיין יוגנט אין קריג.

דיין בליק — אַ וואולקאַן פול מיט פייער,
דיין פּנים — באַגייסטערטע פרייד;
אַזוי גייט אַ קעמפער צום שלאַכט-פעלד,
פון טויזנטער הערצער באַגלייט.

באַלאָדן מיט פעסטקייט און ווילן,
נעמסטו געווער אין די הענט;
אַף שפאַנישן שלאַכט-פעלד צו קעמפן
און שטורמען פאַשיסטישע ווענט.

אַ כאַוועך איך בין דיר מעקאַנע,
ווי יונג דרייסט און מוטיק דו ביסט;
אַזוי ווי אַ לעמפערט אַ יונגער
גרייט, שפרינגסטו קעגן פאַשיסט.

אַזוי אומדערשראָקן און פריילעך,
אַזוי ווי צו עפּעס אַ שפּיל —
מיר ווינטשן דיר טייערער כאַוועך:
צו שיסן און טרעפן אין ציל!

אין אַ פרימאָרגן

כ׳בין אויפגעשטאַנען אינדערפרי
און עפּעס ווי פאַרגעסן וועלכער טאָג ס׳איז היינט:
דאָנערשטיק צי פרייטיק?
דער פרילינג איז שוין פול און גרין און צייטיק
נאָר אין דרויסן איז היינט נעפּלדיק און פייכט.
צי איך אוים אַ האַנט,
נעם אַ צייטונג פון מיין טיש אַראָפּ.
זינגט דער נעפּלדיקער דרויסן מיר אַ ליד:
„דאָנערשטיק צי פרייטיק,
וואָס איז דער אונטערשיד?"
אַז די וועלט פון היינט
איז ניט בעסער ווי די וועלט פון נעכטן:
אַז אין שפּאַניע בושעווען נאָך אַלץ
די נאַצישע און מוסאָלינישע באַנדיטן,
שיסן און פאַרגוואַלטיקן און שעכטן,
פרויען, אַלטע לייט און קינדער.
אַז עס פּאָכן מיט׳ן שווערד מילכאָמע־צינדער,
אַז אין פּוילן גיסט זיך ווידער אידיש בלוט,
אַז דער רייכסטאָג אויסוואורף
הערשט נאָך אַלץ איבער אַ פאָלק פון פינף־און־פערציק מיליאָן.
אַז ס׳הערשן אַלץ נאָך די,
וואָס לעבן פון דעם צווייטנס שוויים און בלוט
און מיליאָנען קנעכט
קושן נאָך דעם הערשער׳ס גאָלדענע רוט!

שצירעט דריקנדיקער נעבל שוואַרצע ציין:
„דאָנערשטיק צי פרייטיק,
וואָס איז דען דער אונטערשיד ? "

דער הימל האָט דערווייל אָנגעכמורעט זיך
און זיך צעבייזערט, קוויטיק, שוואַרץ,
און מיט אַ טרייסלדיקן זעץ,

האָט אַ דונער־קנאַל אַ ריס געטאָן מיין האַרץ.
און איך האָב זיך צוריק צעבייזערט:
יאָ, ס׳וועט זיין אַן אונטערשיד!
דער קאַמף צעברענט זיך ערשט און ווערט באַנייט!
אומפאַרמיידלעך איז דאָך אונזער זיג!
און — זע:
שוין לייטערט זיך דער הימל אויס צוריק,
די וואָלקנס ווערן פוכיק, דורכזיכטיק און ראָז,
צעשווימען זיך אין רוים
ווי שוואַנען אין אַ טייך
אַ פויגל האָט צעטאַנצט זיך און צעזונגען אויפ׳ן גראָז,
אין פענצטער האָט צעשמייכלט זיך צו מיר
אַ מיטליעריקער, אויפגעבליטער בוים,
לעבעדיג און גרין.
און מיין געמיט ווערט לויטערער און גרינג;
נעמט מיך אָן אַ פרייד אַזאַ,
און פון העלער הויט
צעטאַנץ איך זיך און זינג
און אַ געלעכטער שפּאַרט זיך פון מיין האַלז,
וואָס ערשט צוריק מיט עטלעכע מינוט
בין איך געווען אַ נאַר . . .
אַ ציטער פון צופרידנקייט און גליק
גיט אַ יאָג אין מיר פון האַרץ צום קאָפּ
און ס׳ווערט מיר אַזוי פריילעך, אַזוי גוט:
וואָס כ׳בין אַ קינד פון פאָלק,
וואָס ס׳טראָגט מיין האַרץ
צו איין קלאַס — ליבע
און צום צווייטן — האַס.
וואָס כ׳בין אַ שרייפעלע,
אַ מיטגליד,
פון באַרויבטן,
האַרעפּאַשנעם,
און געדעכטן
קעמפנדיקן קלאַס.

איך ווײס

איך ווײס:
עס קען פּאַסירן, איך זאָל גײן און גײן
און פּלוצלונג אומגעריכטערהייט
אַ פאַל טאָן צו דער ערד,
ווי ס'פאַלט אַ שווערער שטײן
צום גרונט פון טײך.
פּונקט ווי דער מענטש
וואָס כ'האָב אַנומלט דאָ געזען:
וואָס איז געלעגן אױפן טראָטואַר
מיט שנירלעך בלוט פון מויל,
די אויגן אויסגעגלאָצט סטאַם אין דער וועלט אַרײַן.
בלויז אַ פּוס האָט קאָנוואולסיוו
געראַנגלט זיך, געציטערט אונטער אים.
ער — דוכט זיך — האָט געקוקט,
נאָר ניט געזען די שײַן.
אַזוי האָט ער נאָך רעגעסוויַיז געגליווערט
און פאַרגליווערט.

איך ווײס —
אַז ס'קען פּאַסירן אויך מיט מיר.
נאָר מײַנער איז דער איצט.
אָט די מינוט —
אָטעם איך און לעב
און האַלט די אויגן אָפן.
איז וואויל איז מיר און גוט,
וואָס ס'קלאַפּט מײַן האַרץ צום טאַקט
מיט פרײַהייט־קעמפער פון דער וועלט,
וואָס אָט אין דער מינוט
זינגט אין מיר דאָס קאָכעדיקע בלוט
צום זיג פון העלדן שפּאַנישע
איבערן בלוטיקן פאַשיסט;
וואָס ס'פילט מײַן האַרץ טריאומף

ווען כ׳לייען פרײדנספולע רייד
פון פירער פון סאָוועטן,
וועגן וואונדערלעכער, גלאָריקער דערגרייכונג.
איז וואויל איז מיר און גוט,
וואָס ס׳האַפּט און לעבט מיין האַרץ
אָט איצט אין דער מינוט,
און שיקט מיין קאָפּ און הענט
זיך צו באַטייליקן אין קאַמף,
צו העלפן שטורעמען די ווענט
פון אומגערעכטיגקייט און רויב.

דערווײַלע לעב איך נאָך און אָטעם,
גיי און שטיי און פריי זיך, לאַך און גלויב:
אַז קומען וועט דער טאָג
פון פרײַנטשאַפט
און פון פרידן אַף דער וועלט.
איז וואויל און גוט;
איז דאַרף מען אויסנוצן
די לעבעדיקע פריילעכע מינוט
צום קאַמף
פאַר גליק פון איצטיקן,
— פון אייגענעם געוויש פון האַרץ און בלוט, —
פאַר גליק פון יענעם מענטש
וואָס קומען וועט נאָך מיר,
און וועט עפשער ניט דאַרפן אָנפירן מיין קאַמף
און וועט ניט דאַרפן —
שלאָגן זיך און בלוטן.
נו, איז וועל איך לעבן אויך אין אים,
ווייל ער וועט דאָך געוויס
דערמאָנען מיך צום גוטן.

אַ קינד ווערט געבוירן

צעריסענע לעבנס אין גרוויליקער נויט,
צעטראָטענע הערצער אין שאָטן פון טויט.
ליגן אין זומפּן אין רעגן און ווינט,
אין שרעק פאַרן בילן פון נאַציישע הינט.
אַ פרוי האָט אין אַנגסטן אין בלינדקייט פון נאַכט,
אַ לעבן אַ נייס אין זומפּן געבראַכט.
קינד, ביזט געקומען אין האַס און אין קריג,
ניטאָ דאָ קיין וואַרימע שטוב און קיין וויג.
ביזט עפּשער געקומען אין פייער און קריג
צו פירן דיין פאָלק און די וועלט צו אַ זיג?
צום זיג געגן רויב און באַרבאַרישן גוואַלד,
צום זיג געגן כאַיעס אין פינסטערן וואַלד,
ווען היטלער וועט לעקן פאַרבלוטיקטע ערד
אַף זיין צעבראָכענער בלוטיקער שווערד?

קינד מיינס אָ קינד מיינס דערווייל איז אונז שלעכט!
מען טרייבט אונז, מען שלאָגט אונז, מען ברענט און מען שעכט!
קינד, מיינס, ס'איז פינצטער און גרוויליק און שוואַרץ,
צו דיר רעדט דיין מאַמע מיט ווייטיק אין האַרץ,
וואָס זי האָט געבראַכט דיך איצט אַף דער וועלט,
אַזוי ווי אַ כאַיע אין זומפּיגער קעלט.
איך האָב שוין ניט מער אין די אויגן קיין טרערן,
נאָר קלאָלעס וואָס פאַלן ווי גליאיקע שטערן.
איך וואַרעם דיך קינד מיינס און שיץ דיך פון ווינט,
איך טוליע און קוש דיך און בענטש דיך אַצינד:
זאָלסט אויסוואַקסן גרויס און קלוג און געזונט,
אַ העלד אינעם קאַמף געגן נאַצישן הונט!

פרילינג 1938

איך שטיי אין פּאַרק אין ליכטיקן פרימאָרגן,
אַלץ אַרום איז זינגענדיק און פריי;
אַזויפיל מאָל געשטאַנען אַף דעם אָרט שוין
דאָך איז אַלץ פאַר מיר דאָ וואונדערלעך און ניי.

ס׳איז ניי די זון וואָס קושט איצט קעפּ פון ביימער,
ס׳איז ניי דער פּאַרק וואָס פּוצט זיך אוים אין גרין;
ס׳איז ניי די ערד, דאָס צוויטשעריי פון פויגל,
ס׳איז יעדע רעגע לעבן איצט דאָ אַ געווינס.

ס׳איז ניי און וואונדערלעך דער פרילינגדיקער שמייכל,
עס שטראָמט אַ פרייד פון הימל אָן אַ מאָס;
כ׳וואָלט ווי אַ אינגל זיך געקענט פון העלערהויט צעטאַנצן,
ווען ס׳נאָגט ניט טיף אין האַרץ אַ בלוטיקער פאַרדראָס.

געלייענט ערשט די נייס פון עסטרייך, כינע, שפּאַניע,
וואו פאַשיזם גייט מיט מאָנסטערדיקע טריט;
ווי קען מען איצט זיך פרייען מיטן פרילינג,
און קושן מיט די אויגן, שפּראָצנדיקן צוויט.
ווען ס׳מאַטערט זיך אַ וועלט אין בלוטיקן געראַנגל,
קעגן סינע, ראַסנהאַס און סאַם;
איך וואָלט צעטאַנצט זיך איצט ווען פראַנקאָ וואָלט ווי
וורראַנגל,
געזוכט זיך ראַטעווען אין ברויזנדיקן יאַם.

איך וואָלט צעטאַנצט זיך איצט, ווען ס׳פאַלט די
היטלער-טורמע,
און דייטשלאַנד גייט מיט ראַטלאַנד אין סאַצגעוועט;
אַז ווער עס וועט דעם יאָר מער בויען, זייען, שניידן,
באַקומט אַ פאַן פון ברודערשן סאָוועט.

ווען ס׳בליט אין דייטשלאַנד אויף, אויך אידיש האָרעוואַניע

און ס׳ווערט דאָס פעלד מיט מאַי און פרידלעכקייט באַצירט;
ווען אַרבעט ווערט באַלוינט און אידנהאַס פאַרשוואונדן,
און ס׳קומען דייטשן־געסט, צום יאָנטעוו פון אַ אידישן
קאָלווירט.

ווי וואָלט איך איצט געפרייט זיך מיטן פרילינג,
און וואָלט דיך דייטשלאַנד, פרילינגדיק באַגריסט;
ליידער האָב איך איצט פאַר דיר בלויז וויסטע קלאָלעס,
און ס׳ברענט אין האַרץ אַ האַס, אַלס איד און קאָמוניסט.

דאָס בלוט פון מיין פאָלק

עס וועט אונזער טריפנדיק בלוט איצט ניט שווייגן,
וועט וועקן דאָס האַרץ פון דער וועלט;
עס וועט ווי אַ דונער אין ווינטער אויפשטייגן,
און בליצן דורך שנייאיקער קעלט!

זיי ווילן דעם איד אַלס קאָרבן איצט ברענגען,
צום געץ אויף דעם נאַצי־אַלטאַר;
זיי ווילן אין בלוט זייער סוואַסטיקאַ שווענקען
מיט גרויל פון דעם ברוינעם באַרבאַר.

עס שטאַרקט איצט די האַנט פון דעם מערדער און זיגער
דער הערשנדער קלאַס, וואָס צעפאַלט;
דאַלאַדיע׳ם און טשעמבערלעין׳ם הילף צו דעם טיגער,
וואָס רעוועט נאָך בלוט דורכן וואַלד.

עס וועט זיי ניט העלפן, דער אויפשטייג וועט קומען,
דער אויפשטייג פון קנעכט קעגן האַר;
אויך לאָרד און מאַגנאַט וועלן ווערן פאַרשוואומען
צוגלייך מיטן נאַצי־באַרבאַר,

מיר וועלן ניט קניען פאַר גאָלדענע שוועלן
און בעטלען: פאַרבינדט אונזער וואונד;
מיר וועלן דעם מענטש אַף די פים אַוועקשטעלן
צום קאַמף קעגן נאַצישן הונט!

פוילן

ווי קענסטו איצט קוקן אין פּנים זיך גלייך
און זיך ביזן האַלז ניט פאַרשעמען?
געדאַרפט וואָלט פּאַסירן: דיין אָדלער זאָל איצט
די פליגל די ווייסע צענעמען . . .

און פליען דורך גאַסן פון פּשיטיק און בריסק,
און דורך די אוניווערזיטעטן,
וואו מ׳שטעלט פאַר די אידן באַזונדערע בענק
און מ׳ברענט זיי די טריט וואו זיי טרעטן.

צעגלאָצן די אָדלערשע אויגן אַזוי
און ביז צו דיין שאַנד נעמען שרייען:
צי אויף צו דערדריקן אַן אַנדער פאָלק איצט
האָסטו דאָס געדאַרפט זיך באַפרייען ? !

אָ פוילן, אָ פוילן, דו אומגליקלעך לאַנד!
וואו עס בושעווען נאַראָס און פאַנעס;
„הערֹאָאישע קריגער״ פון פּשיטיק און בריסק,
אין קאַמף געגן איטשעס און כאַנעס . . .

העלדן צו רויבן די אידישע היים
און שלאָגן ווי ווילדע באַרבאַרן
דעם, וואָס האָט שטענדיק אינאיינעם מיט דיר
געקעמפט געגן רוסישע צאַרן.

צום ערשטן מאַי

מיט פרילינג אַף אַקסלען, מיט זון אַף די קעפּ,
מיר טויזנטער וועלן מאַרשירן;
נאָך טויזנטער וועלן אונז גריסן אין גאַנג,
דורך אָפענע פענצטער און טירן.

אונזערע טריט וועט אויך האַרטער אַספאַלט
דערקענען נאָך פון פאַראַיאָרן;
מיר גייען דאָך איצט אַזוי שטאָלץ ווי געווען,
מיר האָבן דעם מוט ניט פאַרלאָרן.

אַ יאָר האָט פאַרפאָלגט אונז פאַשיסטישע שלאַנג
און האָט פון אונז שטיקער געביסן;
ס׳ליגט טשעכאָסלאָוואַקיע׳ס פרייהייט דערשטיקט
און שפאַניע׳ס — פאַרבלוטיקט, צעריסן.

עס האָט אידיש בלוט זיך געגאָסן אין גאַס
און אין קאָנצענטראַציע-לאַגער;
אין ווין און אין דאַכאָו, אין רוים און בערלין,
אויך אַף די גאַסן אַף פראַגער.

דאָך וועלן מיר שפאַנען מיט מוטיקע טריט,
ווייל אונזערם איז מאָיקער מאָרגן;
מיר גייען ביז ס׳וועט די פאַשיסטישע שלאַנג
ליגן צעטראָטן, דערוואָרגן

מיט זוניקע לידער צום ליכטיקן מאַי,
מיט ליכטיקן האָפן און גלויבן;
מיר וועלן אַנטקעגן דעם נאַצישן שעד,
די פרייהייט אַף אַקסלען דערהויבן!

איצט דאַרף יעדע שאָ, זיין טייער

האָסט דיין בוים פאַרלאָזן ווי אַ בייזער פויגל,
פאַרשיקערט זיך מיט אָפּגעגאַרטן גליק;
געטראָגן זיך — אַ שפּענדל אַף אַ כוואַליע
געוואָרפן זיך אַט הין און אַט צוריק.

וויפיל וואָכן האָסטו דאָס פאַרלוירן
אין קליינלעכקייט, אין ריידן פּוסטע רייד;
צעביטן גאָלד אַף קופּערנע מאַטבייעס
פאַרלוירן זיך אין פאַלדן פון אַ קלייד?

עס ברענט די וועלט אין אָנגעגליטער לאַווע.
די טומע ברענגט אַן אומגליק אַף דער ערד;
שיידים זוכן מענטשלעכע קאָרבאָנעס
און ציען פון דער שייד אַ צווייזייטיקע שווערד.

דאַרף איצט יעדע שאָ און יעדעם וואָרט זיין טייער,
אין קאַמף אַנטקעגן ברענענדיקן סאַם;
אַנטקעגן פּעך און שוועבלדיקן פייער
העלפן אָנצינדן אַ ריינעם רויטן פלאַם.

לענינ׳ס בילד

ווען איך קוק אף דיין בילד,
ווי דו שטייסט, אזא ריז,
מיט אַ פּאָנים — אַ קלוגן, אַ מילדן.
ווי דו קוקסט אף דיין לאַנד,
דורכ׳ן לאַנד — אף דער וועלט,
מיט טיפע, ווייט זענדיקע בליקן.

דוכט מיר איך הער
ווי עס הויבט זיך דיין קאָל,
מיט בליציקע רייד,
צו דיין לאַנד,
צו דער וועלט,
צו דיין קלאַס.

דוכט מיר — איך זע:
ווי עס הויבט זיך דיין האַנט,
ווי עס הויבן זיך קעפּ,
ווי עס גלייכן זיך רוקנס
און עס שטייפן זיך פויסטן
צום קאַמף.

לאַנד מײַן לאַנד

לאַנד מײַן לאַנד, ווי ליב איך האָב צו הערן,,
גרוסן פון דײַן בויענדיקן שוואונג;
פון שלאַגלערישן ברען ביי יונגע פּיאָנערן,
דערציילט פון אַן אויפריכטיקער צונג.

ווי ליב איך האָב צו הערן גוטע ווערטער,
פון דאָרט, וואו ס'האָט מײַן מאַמע מיך געוויגט —
פאַרבענק איך זיך נאָך יענע ווייטע ערטער,
וואָס זײַנען איצט מיט זוניקייט באַגליקט.

געווען אַ קינד אין ווײַסרוסישן שטעטל,
וואו ס'לעבן איז צעדריקט געווען און גרוי;
איך האָב געציטערט ליגנדיק אין בעטל,
פאַר'ן שיקער'ן געזאַנג פון אונטערדריקטן „גוי"

זינט דאַן זײַנען אַוועקגעשוואומען יאָרן,
ווי שיפן אַף דעם ראַכוועסדיקן דניעפּ;
דאָך האָבן לאַנג געטליעט אין זיקאָרן
באַליידיקונגען, זידלעריי און קלעפּ.

איך בין אַוועק מיט קלאָלעס אַף די ליפּן,
אַ אינגל נאָך, בין מוידע זיך אַצינד;
געפרייט זיך וואָס איך לויף מיט גאַנצע ריפּן,
ווי געשטויסן פון אַ שטורם-ווינט.

כ'האָב ניט געוואוסט און ניט געקענט דאַן גלויבן,
אַז ס'וועט האַווילע אויסשטרעקן צו יויעלן אַ האַנט;
אַז ס'וועט דײַן מענטש זיך איבער זיך דערהויבן,
און אומוואַרפן די וויסטע סינע-וואַנט.

אַז ווער האָט עס געקענט זיך דענסטמאָל ריכטן,
אַף אַזאַ כאַווערשאַפט אין פעלד און אין פאַבריק —

ווי ליבּ איך האָבּ צו הערן די בּאַריכטן,
פון דיין גרויסן אויפטו און דיין גליק.

פאַרטראַכט איך זיך און האָבּ גאַנץ אָפט כאַראָטע,
וואָס כ׳בּין אַנטלאָפן דאַן פון דיר מיין לאַנד;
געדאַרפט מיט בּרידער דורכקריכן די בּלאָטע
און צוליגן צום איבּערבּוי אַ האַנט.

מאַלאָכע איז מעלוכע

מאַלאָכע איז מעלוכע. פלעגט מיין מאַמע זאָגן
שטריקנדיק אַ זאָק אין פראָסטיקע פאַרטאָגן.
אין שטיבל קאַלט און טונקל, ביי אַ בלייכער ליכט,
פלעגט זי צו מיר ווענדן איר איידעלן געזיכט.
די שפינדלעך דרייענדיק, מיט פינגער פרום, באַשיידן,
פלעגט זי צו מיר מאַמיש אָנהויבן צו ריידן
נישטאָ קיין ברויט צו זאַט, פון דיין טאַטנס האַנדלען,
אפילע ניט פון האַנדלען ראָזשינקעס מיט מאַנדלען.
זון מיינער איך זאָג דיר: לערן זיך אַ פאַך,
עס איז אַ פאַך אין לעבן דאָך די בעסטע זאַך.
גאָט בענטשט יעדן טאָג די הענט פון באַלמעלאָכע,
וואָס עסט יעגיא-קאַפע, גיט ער אים זיין בראָכע.
עפעס האָט מיין מאַמען געמאַטערט און גענאָגט,
האָט עפשער ניט באַגריפן וואָס זי האָט געזאָגט.
דאָס וואָרט ניט קלאָר פאַרשטאַנען, זיין גרויסקייט און באַדייט
אַז ס׳וועט אַמאָל אין רוסלאַנד קומען אַזאַ צייט,
ווען ס׳וועט דער באַלמעלאָכע זיין דער פרינץ פון לאַנד
און ס׳וועט אַקערן און זייען אויך דעם אידנ׳ס האַנט.
עפשער האָט איר אויסדרוק פאַרזייט אין מיר אַ האַס
צום עקספלואַטאַטאָר, און ליבע צו מיין קלאַס?
עפשער האָט איר אויסדרוק דערצייטיקט זיך אין מיר,
ווען דער קאַמף אַנטקעגן רויבער געקלאַפט האָט אין מיין טיר?
מיין מאַמע איז שוין דענסטמאָל, מער ניט יונג געווען,
האָט זי רוסלאַנד׳ס אויפבלי ניט דערלעבט צו זען.
ניט דערלעבט צו זען דעם איד מיט פעלקער גלייך,
אַז ס׳איז מער ניטאָ קיין אָרים, מער ניטאָ קיין רייך.
עס זיינען זינט איר טויט, אַוועק צווייצענדליק יאָרן,
מאַלאָכע איז מעלוכע, מעקויעם איז געוואָרן.
עס האָט געוויס מיין מאַמע ניט געטראַכט דערפון,
אַז עס וועט אַמאָל דער אויסדרוק שיינען ווי די זון.

בּערל וואַסערפירער זאָגט

אַמאָל האָט גאָט בּיי אונז געפירט די וועלט
און איך — פון טייך דאָס פולע פעסל וואַסער;
סיי אין גרויסע היצן, סיי אין גרויסע פרעסט,
בּין איך געווען פון קאָפּ בּיז פיס אַ נאַסער.

אין פראָסטיקע פאַרטאָגן, אָנגעטאָן אין שמאַטעס,
פלעג איך איינשפּאַנען דאָס אויסגעדאַרטע פערדל
בּיידע פלעגן מיר מיט לעצטע קויכעס שלעפּן
ווען ליכטלעך אייז זיינען געוואַקסן אף מיין בּערדל.

ווייבּ און קינדער אין דער קאַלטער שטובּ
פלעגן וואַרטן בּיזן טונקעלן פאַרנאַכט;
בּענקענדיקע נאָך אַ זאַטן מאָלצייט
בּיז איך האָבּ זיי וואַסער און אַ לאַבּן בּרויט געבּראַכט.

בּיז גאָט האָט זיך פאַרקוקט אַ ווײַלע ווי מאַלאָכים טאַנצן
האָבּן מיר דערווייל אַ דריי געטאָן דעם דישל,
אַ נעם געטאָן די לייצעס אין די אייגענע יאָדאַים
און פאַר דעם אַרבּעטער אַוועקגעשטעלט די שיסל.

איך אַרבּעט אין קאָלווירט איצט האָבּ גענוג צום לעבּן,
אונזערע מאַמזיירים עסן גוט, שטודירן;
אוים מיט די יאַכסאָנים, אָפּגעפּוצטע פּעמפּיקס
פאַר וועמען איך פלעג דאַרפן פעסלעך וואַסער פירן.

אַמאָל האָט גאָט בּיי אונז געפירט די וועלט,
און איך — דאָס וואַסער פאַר די פּניי פון שטאָט;
איצטער העלף איך דאָ די וועלט צו פירן,
און דאָס וואַסער — זאָל שוין פירן גאָט.

אפילע אַ הונט ווײס דאָך אויך ווען מען בײסן

זײ שיסן מיט גיפטיקער סינע
און ווערן פֿאַרכלינעט פֿון האַס;
זײ זשיפּען פֿון הײַץ און פֿון קינע
אין צײַטונג, אין קראָם און אין גאַס.

זײ זידלען דאָס לאַנד פֿון סאָוועטן,
וואו אַרבעטער האָבן די מאַכט;
וואו אידן אין זײערע בעטן
שלאָפֿן אָן שרעק פֿאַר דער נאַכט . . .

זײ בילן צום ליכטיקן שטערן
און שפּײַען מיט גאַל און מיט סאַם;
זײ ווילן די שטראַלן צעשטערן
און זען ניט קײן גרעניץ, קײן צאַם.

מיט ליגנס צעפּוילטע זײ שמײסן
און מישן דאָס גיפֿטיק געקעכטס;
אפילו אַ הונט ווײס דאָך אויך ווען בײסן
און ווען מען פֿאַרהיטן פֿון שלעכטס.

זייער סאַם

ס׳וועט זייער סאַם אַף אונזער האַרץ ניט ווירקן,
ס׳וועט זיי אַליין מינוטן-ווייז פאַרסאַמען.
זיי בּרעכן זיך איצט ווי קלאונען אין די צירקן
און צינדן פאַלשע, קאַלטע קינאָ-פלאַמען.

זיי וועלן זיך אַליין אין פּאָנים מוזן שפּייען
פאַר אויפרייצן אַזוי בּיים פאָלק די בּלוטן;
צו זיך אַליין די זידל-ווערטער שרייען,
ווען אַלץ מוז זיך דאָך ענדיקן צום גוטן.

דער עמעס קומט, עס ווערט אַלץ אויסגעלייטערט,
דאָס האַרץ ווערט גרינג, די אויגן ווערן לויטער;
עס וועט דער פאַלשער נאָווי ליגן טויט, דערוויטערט,
ווי ערגעץ אין אַ זומפּ אַ קלאַפּער-שלאַנג אַ טויטער.

נעכטן — קנעכט פון פּאַנעס, היינט שוין פרייע מענטשן,
ס׳קומט דער רויט-אַרמייער יענעמס וואונדן גלעטן;
ס׳וועלן אַלע בּילאָמס נאָך מוזן נעמען בּענטשן
און מיט שווערע הערצער לויבּן די סאָוועטן.

עס טראָגן די פֿיס אים צום לאַנד פֿון סאָוועטן

אַף װעגן פֿאַרשנייטע, אין בלוט, אויסגעװייקטע,
אַ איד לויפֿט פֿון נאַצי־מערדער אַװעק;
אים טראָגן די פֿיס צום סאָוועטישן גרעניץ
ער קוקט הינטערוויילעכס, מיט אַנגסט און מיט שרעק.

ער טראָגט אַף די פּלייצעס לאַנגיאָריקן אומגליק,
די בידנע נעשאָמע אין ציטריקער האַנט;
עס טרערן די אויגן: ריבוינע־שעל־אוילאָם
ברענג מיך מיט מיין לעבן אין אַרבעטער לאַנד.

וואו עס האַמערן אידן מיט קריסטן צוזאַמען,
אַ ליכטיקן מאָרגן פֿאַר טעכטער און זין;
וואו עס גלייכט אוים דער איד זיין צעשלאָגענעם רוקן —
אַ העלף מיר צו קומען בעשאָלעם אַהין.

אַט שטייט ער און רעדט מיט אַ רויטן־אַרמייער,
וואָס שמייכלט צו אים מיט אַ פֿריינטלעכן בליק;
פֿילט אָן זיך זיין האַרץ מיט אַ וואַרעמען גלויבן:
דער מענטש וועט אים זיכער ניט שיקן צוריק.

אַט איז ער אין לאַנד שוין, דערפֿילט ער זיך זיכער,
וואַרפֿט פֿון די פּלייצעס זיין אומגליק אַראָפּ;
דערזעט ער די זון אַף אַ ווייסן פֿרימאָרגן,
ווערט וואַרעם און ליכטיק אין האַרץ און אין קאָפּ.

זעצט ער זיך שרייבן אַ בריוו צו אַ קאָרעוו,
וואָס וואוינט ערגעץ ווייט אַזש אין גאָלדענעם לאַנד;
פֿלייצן די טרערן פֿון פֿרייד וואָס ער האָט שוין
אַ זיכערע בעט און אַ בילד אַפֿן וואַנט.

קוקט ער צום בילד פֿול מיט ייראַס־האַקאָוועד
און שעפּטשעט אַ טפֿילע, מיט ליבע און דאַנק:
דער מענטש זאָל נאָר לעבן און זאָל נאָר געזונט זיין,
און עס שטראָמען די שורעס מיט לויב און געזאַנג.

אַ ליד פון אַ געוועזענעם גאַנעוו

(פון מיירעוו אוקראַינע)

איך בין געווען אַ גאַנעוו
אַ מאַרוויכער ערשטער קלאַס;
איך בין געווען גאַנץ היימיש,
אין קראָם, אין שטוב אין גאַס.

באַגאַנוועט קראָמען, שטאַלן,
געצויגן וואָס געקענט;
אַלץ האָט זיך געקלעפּט
צו מיינע פלינקע הענט.

אַ זייגער און אַ קעלבל,
אַ פוטער און אַ הוט;
ס'איז אַלץ געווען אַ סכוירע,
אַלץ געווען איז גוט.

דערנאָך מיט גוטע ברידער
געהוליעט ביז פאַרטאָג —
ביז מען האָט געפּאַקט מיך
געזעצט מיך אין אַסטראָג.

בין איך „אָפּגעזעסן" —
אַרויס נאָר אויף דער פריי;
האָב איך באַלד דעם פויער
באַגאַנוועט פון דאָס ניי.

געגאַנוועט און „געזעסן"
פון טאַכלעס ניט געטראַכט;
ביז עס איז געקומען
די סאָוועטן־מאַכט.

גענומען מיך פון טפיסע
צו אַרבעט מיך געשטעלט;

האָב איך איצט דערזען
גאָר אַ נייע וועלט.

עס קומען איצט צונויף מיר
מיינע פֿלינקע הענט;
איך וועל שוין מער ניט פּוילן
צווישן טפּיסע־ווענט.

איך בין געווען פֿאַרוואָגלט
וואו געגעכטיקט ניט געטאָגט;
און פֿון אַלע מיינע גליקן
בלויז די הענט פֿאַרמאָגט.

איצט בין איך געוואָרן
אַ מענטש מיט מענטשן גלייך;
ווייל ניטאָ ביי די סאָוועטן,
קיין אָרים און קיין רייך.

איז לעבן און געזונט זיין,
זאָל די סאָוועטן־מאַכט:
וואָס האָט מיך דעם גאַנעוו
פֿאַר אַ מענטש געמאַכט.

זאָגט איין איד צום צווייטן

זאָגט איין איד צום צווייטן, זיצנדיק אין פּאַרק:
,,דו מיינסט אַז יוסעף (סטאַלין) איז אַליין אַהין אַריין?
,,ניין, דאָס האָט גאָט טאַקע אַזוי געוואָלט
,,ער זאָל מיט האַק און פּאַק אין בעסאַראַביע זיין.

,,פאַרשטייסטו מיך: אַמאָלעק טוט איצט אידן אַ סאַך שלעכטס,
,,קעדיי דעם האָמאָן-היטלער צו געפעלן ווערן;
,,שיקט גאָט יוסעפן צו מאַכן דאָרט אַ טאָלק,
,,אַמאָלעק׳ס בייזע גזיירעס צו צעשטערן.

,,און צו אַמאָלעק׳ן זאָגט ער אַזוי צו זאָגן:
,,אַז פלאַצן זאָל אין דיר דיין סוינע-איסראָל-גאָל;
,,האָסט אָף אידן נייע גזיירעס איצט געבראַכט,
,,טאָ נאַדיר, בויג זיך פאַר אַ איד אַ גענעראל!

,,מען שמועסט יאַקבי אַז היטלער׳ן געפעלט ניט,
,,ער שרייט צו יוסעפן ער זאָל אַהין ניט גיין;
,,טאָ זאָל ער טאַקע פּרוואון זיך פאַרמעסטן,
,,וועט יוסעף אים נאָך אויך דערלאַנגען אין די ציין.

,,הער ניט וואָס אַ שוטע בעבעט דאָרטן,
,,איך זאָג דיר: אידן דאַרפן מאַמעש גוימל בענטשן;
,,דער אויבערשטער באַשאַפט דאָך די רעפוע פאַר דער מאַקע
,,וואָס עס נעמען אָן זיך איצט פאַר אונז אַזעלכע גרויסע
מענטשן.

אין אַ באַפרייטער וועלט

צו ח׳ אָלגינ׳ס זעכציק־יאָריקן יובילײ

אַזוי ווי איינס און איינס איז — צוויי,
צוויי־און־צוויי איז — פיר;
אַזוי ווי איצט איז זונטיק צען אַזייגער אינדערפרי
און ס׳פּויזעט אום אַ שטראַל איצט —
בעשאַס איך שרייב —
און גילדט אָפּ מיין פּאַפּיר,
אַזוי איז זיכער דאָך,
אַז ס׳וועט דער מענטש דורך גאַרער וועלט
זיך טאָן אַ ריר,
זיך טאָן אַ הויב צו גוט מאַכן די וועלט,
צו ריין מאַכן די ערד פאַר אַרבעט און פאַר גליק
פאַר אַלע פעלקער גלייך.
און עס וועט די וועלט,
געלייטערט ווערן פון דעם האַס,
פון דאַס שלעכטס, וואָס ס׳ווערט איר איצט געטאָן,
און אָף דער גאַרער וועלט
וועט פלאַטערן איין פאָן:
די פאָן פון הארעפאַשנעם קלאַס.
און איך און דו און יעדער מענטש,
וואָס גיט איצט אָפּ אַביסל פון זיין לעבן,
פון זיין צייט
אין קאַמף פאַר אַזאַ וועלט,
וועט דערמאָנט ווערן פון קומענדיקן דאָר
מיט ליבע און מיט צערטלעכקייט אין קאָל.
נאָר דער,
וואָס האָט די בעסטע יאָרן זיינע אָפּגעגעבן,
און גרייט זיך ערשט צו זעכציק יאָר —
מיט האַרץ און קאָפּ,
מיט פלאַמענדיקער צונג און גליענדיקער פען —
צו לעבן און צו אָטעמען אין קאַמף,
פאַר׳ן גליק פון היינטיקן און צוקינפטיקן מענטש,

דער ווערט דערמאָנט ווערן,
געלויבט ווערן,
געבענטשט ווערן,
פון מאַן און פרוי,
פון זיידע און פון קינד
אין יאָנטעוודיקע טעג, אין יעדער גוטער שאָ
אין דער צוקונפטיקער,
אויסגעלייזטער
און באַפרייטער וועלט.

אף אייערע קעפּ

אף אייערע קעפּ וועט זיך גיסן דאָס בלוט,
פון פריצייטיק פאַרשניטענע יונגען;
סיי די וועלכע איר וועט באַצווינגען צום שלאַכט,
סיי די וועלכע וועלן פאַר נויט זיך פאַרדינגען.

פאַרדינגען זיך לעבנס געזונטע צו אייך
און טראָגן אף בליענדע אַקסלען דעם טויט;
רעוועט טראָמפּייט און דונערט די פּויק
און דאָס לעבן גייט נאָך ווי אַ בער אף אַ קייט.

דער בער וועט אַ ברום טאָן, אַ ריס טאָן די קייט
און אָנהויבן שיטן אף אייך זיינע קלעפּ;
אנשטאָט הויבן די שווערד אף אַ ברודער אין שלאַכט,
וועט ער זי אַ הויב טאָן אף אייערע קעפּ.

מען האָט שוין אָנגעהויבן

מ׳האָט שוין ווידער אָנגעהויבן אויסקוילן אַ וועלט
מיט ביקס און שווערד, מיט טאַנק און עראָפּלאַן;
און בלוט ווערט ווידער ביליגער ווי מיסט,
עס פליסט שוין קוואַלנווייז אַף יעדן טראָט און שפּאַן.

מענטשלעך בלוט? וואָס האָט עס פּאַר אַ ווערט!
מען טרעט אַף קעפּ, אַף קנאָכן, מאַרך און ביין;
עס לאַכט דער פאַבריקאַנט מיט דונער פון קאַנאָן,
ווען די ערד ווערט פול מיט גוואַלדן און געוויין.

אויצרעס זאַמלט ער — פון אויגן, הענט און פיס,
ווען ראַצן פרעסן הערצער אַף די בערגלעך מיסט.
עס קריגט דער גענעראַל אַ גאָלדענעם מעדאַל,
ווען קינדער זויגן טויטע מאַמע׳ס בריסט.

פאַשיסט און געלט-זאַק הייסן אויסקוילן אַ וועלט,
פאָלגט זיי דער סאָלדאַט און בלינדערהייט ער שניידט;
מיט אויגן טיף-דערשראָקענע און הענט באַשפּריצט מיט בלוט
האַקט אַריין זיין שווערד זיין ברודער טיף אין זייט.

און דער, וואָס רופט צו מאָרד און רויב און בלוט,
קרוינען אים די הערשער פאַר אַ גרויסן העלד —
איז צייט, אַז דער סאָלדאַט וואָס ווערט געטריבן בלינדערהייט,
זאָל דורכ׳ן רויך דערזען דעם הערשער פון דער וועלט.

זיך אויסדרייען צו אים מיט אויגן פול מיט האַס,
מיט פייער פון קאַנאָן, מיט טאַנק און שווערדן-שאַרף;
דורך דונער און דורך בליץ אַ רעווע טאָן: אַ סאָף!
און צילן זיין געווער אַהין, וואוהין מען דאַרף.

אינדיאַנער זומער

דער סאָף־זומער האָט אַ שיין געטאָן מיט פאַרבנרייכער
פּראַכט,
ווי אַ פרוי וואָס גיט צו פערציק יאָר געבוירט צום ערשטן קינד;
די ביימער פוצן זיך אין קופּער, מעש און בראַנז,
און כיינדלען זיך אין יאַם פון זון און גלעטנדיקן ווינט.

אַזאַ שיינקייט, אַזאַ פּראַכט וואָלט פריידיק זיין און ליב,
ווען ס'איז די וועלט געזונט און פריי, אין פרידן, גליק און רו;
ווען ס'מישט זיך ניט די שיינקייט אויס מיט שלאַכטן, רויב
און מאָרד,
מיט שיפן פול מיט לעבנס, וואָס כוואַליעס דעקן צו.

איצט, אין קרעכץ פון בלעטער אונטער מיינע טריט,
הער איך קינדערשן געוויין פון לאָנדאָן און בערלין;
זע איך מאַמעס, אויגן מיט בליקן ווילד פון אַנגסט,
אף דעם טויט פון זייערע געזונטע יונגע זין.

אַזאַ שיינקייט, אַזאַ פּראַכט, וואָלט פריידיק זיין און ליב,
ווען פעלקער לעבן כאַווערישׂ, אין איין פאַרבאַנד און קלאַס;
ווען קריג און קאַפּיטאַל זיינען מייסעס פון אַמאָל
און ס'וויים דער מענטש ניט מער פון סינע און פון האַס.

וואָלט אַזאַ סאָף־זומער זיין אַ צירונג אף דער וועלט,
עס וואָלט באַפליגלט אויג און האַרץ, פאַרשיקערט יעדן גליד;
די בלעטער־קופּער, מעש און בראָנז וואָס קרעכצן אונטער
טריט,
וואָלטן דאַן געזונגען שטיל פון מענטשנ'ס גליק אַ ליד.

באַהאַלט זיך ווי דער וואָרים איצט דער מענטש

אַ גאָלד־האָריקער וואָרים
ענגבערט זיך,
אין אויפגעאַקערטער, באַגראָזטער ערד.
זיין סאַמעטענער רוקן גלאַנצט און כוואַליעט זיך
אין שטראַלן פון מילד־וואַרעמער זון;
ער פילט:
אַ פויגל פליט —
אַ פיק, אַ כאַפּ און — אויס.
ענגבערט ער אַ לאָך וואו צו באַשיצן זיך דערפון.

קריכט דער מענטש,
מיט זיין דוירעסדיקער כאָכמע און פּראָגרעס,
באַשיצן זיך אין קעלער
פון דער דראעענדיקער טויט־געפאַר;
באַלד וועט עס אַ האָגל טאָן מיט דונער און מיט פלאַם
און איבערלאָזן גופים, אויסגעצויגענע, צעגלידערטע,
און טויזנטער פאַרוואַרלאָזטע אין וויסטער נויט
און שיגאָענדיקן צאַר.

אימפּעריאַליסטישע גאַזלאָנים
רייסן זיך פאַר איינשלינגען די וועלט,
בייסן העלזער איינער ביי דעם צווייטן,
זשעדנע, אויפגערייצטע הינט;
דאַרפן מיר פאַרגיסן
אונזער פּראָלעטאַריש בלוט?
האָגלען זיי דעם טויט
אף אונזער מאַן און פרוי און קינד.

באַהאַלט זיך ווי דער וואַרים איצט דער מענטש פון טויט,
אין לעכער פון דער ערד.
נאַר וואו, זאָג מענטש, קענסטו זיך אויסבאַהאַלטן
מיט דיין ציין־געקריץ, מיט דיין גרויל און האַס?

אַז וואו דו גייסט און שטייסט
גרייט מען זיך צו אויסגיסן דיין בּלוט
און אין כאָלעם זעסטו
בּרענעדיקן טאָג אַף שוואַרצער, טויטער גאַס.

טאָ זאָל דיין האַס פון קעלער
זיך צעטראָגן איבּער גאָרער וועלט!
העי, מענטש!
דערויף האָסטו דאָך דוירעס לאַנג געהאָדעוועט פאַרשטאַנד!
צו אָפּהאַקן אַף אַלעמאָל דעם קאָפּ און עק
פון דער הערשנדיקער שלאַנג,
וועט ליכטיק זיין די וועלט!
וועט רואיק זיין דיין לאַנד!

אַלגין

מיר זיינען געבליבן צעדריקטע פון צער,
אַלגין דער קעמפער, דער פירער איז טויט;
עס פלייצן די טרערן פון אויגן אַ שטראָם,
דו האָסט אונז פאַרלאָזן אין שטורעם און נויט.

דיין לעבן געווען איז אַ ברויזיקער יאַם
פון קאַמף קעגן רויבערשן, הערשענדן קלאַס;
דיין צונג — אַ וואולקאַן, און דיין פען אַ קאַנאָן,
דיין ליבע צו אונז, און צום סוינע — דיין האַס.

מיר בויגן די קעפ און מיר שווערן דיר צו
צו פירן דיין קאַמף און געדענקן דיין וואָרט;
געפאַלן אַ קעמפער אינמיטן דעם קאַמף,
וועלן מיר אַלע פאַרנעמען דיין אָרט.

אַ קעמפער, אַ דיכטער, אַ פירנדער גייסט,
ליגסט איצט פאַרגליווערט אין אייביקער רו;
דאָך בלייבן ביי אונז וועט דיין אימפעט אין קאַמף,
אָ, טייערער כאַווער, מיר שווערן דיר צו!

ביים אָפּגרונט

עס זאָל אַזוי ניט טרעפן ווי עס טרעפט:
אַ מענטש גייט אינדערפרי פון שטוב אַרויס,
און לאָזט זיך גיין אַזוי צו זיין געשעפט;
אומעטיק מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ,
דערזעט ער לעבן טראָטואַר אַ טויטע מויז.

ווערט אים עפּעס נודנע, איבלדיק אַזוי,
דריקט ער אין זיין האַנט די שליסל, צו זיין קראָם און טראַכט;
צי איז די טויטע מויז ניט גליקלעכער פון אים,
וואָס טרינקט זיך איצט אין כּיוווּעס בּיזן האַלז
און מוטשעט זיך אין קראָם, פון פרי בּיז שפּעט אין נאַכט?

צי איז די שליסל טאַקע צו דער טיר פון קראָם,
אָדער גאָר צו זיין פאַרשקלאַפּט אומגליקלעך לעבן?
אַז קיינמאָל האָט ער ניט קיין רואיקע מינוט;
נאָר אַז ער האָט אַ ווייב מיט קינדער פיר,
מוז מען זיי דאָך כאָטש אַ שטוב און עסן געבן.

וואָלט דאָך דאָס קיין אומגליק ניט געווען,
ווען דאָס געשעפט גייט גוט און ס'איז דאָס נויטיקסטע פאַראַן;
נאָר אַז ס'איז שלעכט און ס'ווערט ערגער יעדן טאָג
און ס'פעלט שוין דאָס שטיקל בּרויט אין הויז,
טאָ וואָס זשע איז ער פאַר אַ טאַטע? פאַר אַ מאַן?

חוץ די קרעדיטאָרן, ווער דאַרף עס אים איצט?
צו וועלכע שוואַרצע יאָרן דאַרף ער זיך אַליין?
קיין אַרבּעט קען ער ניט, עס גייט די קראָם צו גרונט;
ווי טאַקע אָפּט אין כאַלעם בּיי אַן אָפּגרונט שטייט ער איצט
און פילט אַ שוידער דורך זיין רוקנבּיין.

ער לייענט אָפט אין צייטונגען פון מענטשן פון זיין שטאַנד,
וואָס וואַרפן זיך אַראָפּ פון צענטן שטאָק;
צי וואָלט ניט גלייך געווען איצט עפענען די קראָם,

די גרוב, וואָס קאַפּיטאַל געגראָבן האָט פֿאַר אים
און וועלכע ווערט אַלץ טיפֿער יעדן טאָג?

ווי אַ מאָנסטער האַלט זי אָפֿן ברייט אַ מויל
גרייט אַ כאַפּ טאָן אים און מאַכן „האַם!"
אַ רעוואָלווער קויפֿן, דאַרף דאָך קאָסטן געלט
און קריכן אויף אַ צענטן שטאָק, האָט ער קיין קויאַך ניט,
ווערט עפּשער גוט זיין איצט פֿון קראַם דאָס מויזן־סאַם?

און ווען דער ערשטער קוינע ווערט אין קראָם אַריין,
ווערט אַ מאַן און טאַטע אין זיין גאַנצער גרויס,
ליגן אויף דער ערד — אַ פּאַטש אין פּאָנים פֿון דער וועלט;
עפּשער ווערט דער קוינע אויך אַ שאָקל טאָן דעם קאָפּ:
געלעבט ווי אַ באַהיימע, און געשטאָרבן ווי אַ מויז?

צו אַן עלטערער אַרבעטער מיידל

דיינע דאַרע, בלייכע הענט, דערציילן מיר:
פון לאַנגיאָריקער אַרבעט אין פאַבריק.
דיין פּנים בענקט פאַרטראַכט און כיינעוודיק, נאָך פרייד:
אַ מאַן, אַ היים, אַ גליקלעך געלעכטער פון אַ קינד,
דערוויילּ האָסטו דערצו נאָך ניט געהאַט דאָס גליק.

האָסט ליב קונסט, געזאַנג, טעאַטער, דיכטונג און מוזיק,
ביי דער אַרבעט טראַכסטו אָפט דערפון;
און טראַכסט: נאָך עטלעכע יאָר און ס׳וועט שוין זיין
צושפעט . . .
עס ציטערט אַף דיין אויג, אַ וויע שוואַרץ און פייכט
אויס בענקשאַפט נאָך אַ מאַן, אַ טאָכטער צי אַ זון.

טראַכסט: די אַלע יונגע לייט וואָס האָבן דיך אַמאָל געוואָלט,
זיינען שוין מיט אַנדערע פאַרבונדן לאַנג;
ביזטו געבליבן ווי אַ ניטבאַפרוכפּערט פעלד,
וואָס בעט זיך: גיט מיר זריע, רעגן, זון און טוי
און ס׳רייסט זיך פון דיין האַלז אַן אומעטיק געזאַנג.

דו ווייסט ניט ווי אַזוי, ווי אומבאַמערקט,
עס האָבן צוויי און פערציק יאָר דורך דיר אַדורכגעשוועבט?
צו אַכצן יאָר האָסטו געאַרבעט שוין אין אַ פאַבריק:
דאָרט האָסטו אין קליידער יאָרן איינגעניית,
און פון דיין פּנים האָט די יוגנט שטיל זיך אויסגעוועפּט.

האָסט זיך אין שפּיגל איצט גוט אָנגעקוקט,
אַזויפיל זילבער־האָר, דאָס פּנים קנייטשט זיך, נאָך מיט כיין
נאָר ס׳בלוט איז שוין ניט פייערדיק, ניט שטורמדיק אַזוי;
אַ בענקשאַפט האָט דיר איצט אַ דריק געטאָן דאָס האַרץ,
עס האָט מיר אַלץ דערציילט, דיין שטילער, איינגעהאַלטענער
געוויין.

דער קאַפּיטאַן און זיין לאַקיי

(בּאַלאַדע)

דער קאַפּיטאַן האָט אויסגעפּרואווט זיין שווערד,
אַף די געקרויזטע האָר פון שלאַנקן טיר-לאַקיי;
ער האָט אַ לאַכנדיקע וואָנצע זיך פאַרשפּיצט,
ווען ס'האָט דער קנעכט, מיט אויגן ווילד פון שרעק,
אין ציטערניש פון טויט געגעבן אַ געשריי.

בּאַלד האָט דער קנעכט מיט דאַנקבּאַרקייט געלאַכט,
ווען ער האָט בּיי זיינע פיס, ניט זיין קאָפּ דערזען,
נאָר אַ זשמעניע שוואַרץ-געקרויזטע האָר;
האָט ער קניענדיק, בּאַוואונדערט שטיל זיין האַר:
ווי פלינק און אומגעריכט עס איז געשען . . .

דער קאַפּיטאַן איז יונג און מיליטעריש שטאָלץ,
וויל ער וויסן, צי זיין שווערד איז כאַלעף-שאַרף,
צי זיין האַנט איז שטאַרק און פלינק גענוג,
אַראָפּצופּאָכען קעפּ פון סאָנים אין דער שלאַכט
וואו מען בּאַגלייט אים היינט מיט בּלומען, וויין און האַרף.

דער לאַקיי האָט אויפגעהויבּן זיינע האָר,
און קנעכטיש זיי דערלאַנגט דעם קאַפּיטאַן —
אַ סגולע: — וויפיל האָר אַזוי פיל קעפּ;
נאָר ס'האָט דער קאַפּיטאַן די האָר אַוועקגעלאָזן מיטן ווינט,
ווען ער איז מיט אַנדערע מיליטער-לייט אַריין אין בּאַן.

יאָרן האָבּן דורך די שלאַכטן גאַלאָפּירט,
דער קאַפּיטאַן איז אַלט, און שוואַך איז שוין זיין האַנט,
(ס'איז אַלט און גרוי דער קנעכטישער לאַקיי)
נאָר וויפיל קעפּ ער האָט אין לעבּן אָפּגעהאַקט,
דערציילן אים זיינע מעדאלן אַפן וואַנט.

ער האָט ניט קיין כאַראָטע, נאָר איז שטאָלץ דערמיט,
וואָס ער האָט אַזויפיל לעבּנס אומגעבּראַכט;
עס טוט בּלויז בּאַנג וואָס ער איז אַלט און דער לאקיי איז גרוי,
און ס'ציטערט אים די האַנט צו אָנרירן די שווערד,
וואָס האָט אים אַזוי גרויס און רייך געמאַכט.

אַ מענטש אין „לופּ"

האָסטו שוין אַמאָל געזען אַזאַ מענטש?
וואָס זידלט, שעלט, באַליידיקט זיך אַליין;
שפּייט און רופט זיך אָן מיט נעמען מיעסע,
ביז אָט פאַרגייט ער זיך אין שטיל־צעגאַוועטן געוויין.
זיין פּאָנים איז ניט אַלט, נאָר ברודיק־גרוי די האָר,
די מוטנע אויגן — טיף אין קאָפּ אַריינגערוקט
און אין צעקרימטן מויל, בלויז עטלעכע צעפוילטע ציין.

אָט שלעפּט ער זיך אַרום אף מעדיסאָן און סטעיט
רעדט צו זיך, וויינט און לאַכט און זאָגט:
כ'האָב היינט נאָך גאָרנישט אין מיין מויל געהאַט;
אַמאָל האָב איך אַ גוטן דזשאַב פאַרמאָגט.
שווער געאַרבעט, ביז מען האָט אַרויסגעוואָרפן מיך,
קיין אַנדער דזשאַב איז ניט געווען, כאָטש נעם קראַפּיר,
און דער הונגער מוטשעט, בייסט און קרעמפּט און נאָגט.

איך האָב געהאַט אַ שיינע, בלאָנדע פרוי,
און אַ מיידעלע, אַ שיין־פּולבלוטיק קינד;
האָבן זיי — עפּשער פאַר נויט — פאַרלאָזן מיך,
וואו זיי זיינען ווייס איך ניט, גיי פרעג דעם ווינט.
פאַרדאַס מיך גאָט, צו וואָס דאַרפן זיי מיך ! ?
אַ מענטש וואָס פוילט און שעלט און האָט ניט וואָס צו טאָן,
און כאַווערט זיך ביי מיסטקאַנען, מיט זשעדנע קעץ און הינט.

ברודער, גיב אַ ניקל אף אַ טעלער זופּ!
דער הונגער נאָגט, עס שווינדלט מיר אין קאָפּ;
איך לאַך צו זיך און וויין און שפּיי אף זיך אַליין —
עפּשער בין איך גאָר פון זינען שוין אַראָפּ?
אַז שלאָפן ,שלאָף איך ערגעץ וואו אף אַ צעפוילטן דיל,
וואו אַרום מיר אַ גאַנצע נאַכט, זיך יאָגן קעץ נאָך מייז,
כאָלעמט זיך מיר מויזן־פליישׁ אַ פולער טאָפּ.

טאָ גיב זשע מיר אַ ניקל, ברודער גיב!

קויף איך באַלד אַ טעלער וואַסערדיקע זופּ;
אויב ניט — פֿאַל איך באַלד אַנידער לעבן דיר,
עס דרייט זיך אין מיין קאָפּ דער גאַנצער „לופּ”.
דער „לופּ” — די שלאַנג וואָס וויקלט זיך אַרום מיין האַלז,
פֿאַרדאַם אים גאָט! דו גאָט פֿון טרעמפּס, פֿון קעץ און מייז —
אַ דאַנק! אָט לויף איך שוין און כליאָבּע אויס אַ טעלער זופּ!

איך בין אַ היגער דאָ

איך בין שוין דאָ אַ היימישער, אַ היגער,
און ליב האָב איך דאָס גראַנדיעזע לאַנד;
ווי גוט דאָ וואָלט געווען פאַר אַרבעטער צו לעבן,
ווען ס׳נעמט דער אַרבעטער דעם שליסל אין זיין האַנט.

כ׳בין קיינמאָל ניט געווען דאָ זיכער מיטן מאָרגן,
דערפאַר ניט ליכטיק איז פאַר מיר דער היינט;
נאָר אין מיין נויט האָב איך זיך גוט דאָס אויסגעלערנט:
צו באַקעמפן סאָנים, צו דערקענען פריינט.

נאָר האַסן האָס איך די וואָס גלאָצן פרום די אויגן
און האַלטן גרייט אין קעשענע אַ רעוואָלווער;
מיט רייד ווי זיסער סאַם אין שול, פאַבריק און צייטונג,
וואו פאַלשקייט שפּריצט פון יעדן ריר און קער.

זיי זאָגן: דאָ איז יעדער גלייכבאַרעכטיקט,
עס זיינען דאָך דאָ אַלע מענטשן גלייך;
ס׳האָט יעדער דאָ זיין פולע רעכט אַף אַרבעט,
און יעדער אַ געלעגנהייט צו ווערן רייך.

נאָר גיי און זע, ווי מענטשן בעטלען אַרבעט,
ווי עס שטאַרבט אַ קינד ביים פאָטער אַף די הענט;
ווייל פאַרן דאָקטאָר האָט געפעלט דער דאָלער
און אַף אַ רעפּוע די עטלעכע סענט.

זע די פינצטערניש אין מיליאָנען הייזער,
וואו עס פעלט דאָס ברויט און אַביסל ליכט;
וויפיל קרעכצן אוים דעם וויטיק אין פרימאָרגן,
וויפיל וויינען שטיל אין הונגעריקע נעכט!

וויפיל שלעפן זיך אַף וועגן און דורך פרעירים
און שלאָפן אַף דער האַרטער, פייכטער ערד;
אין זייער בענקשאַפט נאָך אַ זאַטן מאָלצייט

זיינען זיי מעקאַנע איינגעשפּאַנטע פערד.

זע ווי מען פאַרפאָלגט דאָ איצט די קאָמוניסטן,
פאַר וועלן בעסערן די איצטיקע סיסטעם;
זע ווי עס בושעווען די דינער פון די רייכע,
ווי מען פאַרקרימט דאָס פּאָנים פון דעם גוטן אָנקל סעם.

איך בין שוין דאָ אַ היימישער, אַ היגער,
און ליב האָב איך דאָס גראַנדיעזע לאַנד;
ווי גוט דאָ וואָלט געווען פאַר אַרבעטער צו לעבן,
ווען ס׳נעמט דער אַרבעטער דעם שליסל אין זיין האַנט!

איך בין איינער פון מיין קלאַס

איך בין איינער פון באַרויבטע מיליאָנען,
איינער, וואָס פאַרדינט מיט שוויים זיין ברויט;
איינער פון מיין קלאַס דעם אונטערדריקטן,
און אַזאַ וועל איך שוין בלייבן ביז׳ן טויט.

איך קען שוין ניט און וועל ניט אַנדערש ווערן,
איך שטיי דאָך גלייך מיט אַלעמען אין קעמפנדיקער ריי;
איך וועל מיין קלאַס דאָך זיכער ניט פאַרראַטן,
איך הער פון אים און זאָג אים אַלץ וואָס איך פאַרשטיי.

מיין טאַטע פלעגט אין שול ניט ליב האָבן די מיזראַך־וואַנט,
וואו ס׳האָט געהערשט דער באַלעבאָס, דער גוויר;
מיין מאַמע — האָט „געזאָגט" פון טייטש־כומעש, פאַר
ווייבער פאָשעטע,
אין וויסן קלייד, אין שול, געזעסן ביי דער טיר.

איר ליכטיק, ערלעך פּאָנים גייט מיר שטענדיק נאָך,
ס׳האָט איר באַשיידנקייט באַזעצט זיך אין מיין בליק;
אין ליידנדיקע נעכט אין אומרואיקן צאַר,
דערזע איך איר געשטאַלט וואָס גיט מיר רו און גליק.

עס גיט מיר רו און גליק וואָס זי האָט אָפט געזאָגט:
„מאַלאָכע איז מעלוכע, זאָג איך דיר מיין קינד".
דאָס וואָרט האָט אין ניסאָיען שטענדיק מיך געהיט
און שטענדיג מיך באַגלייט דורך רעגן, שניי און ווינט.

איצט בין איך דאָ איינער צווישן מיליאָנען באַרויבטע,
און אַלע קעמפן מיר פאַר ליכטיגקייט און פרייד;
מיין וואָרט איז זייער וואָרט און זייער וואָרט איז מיינער,
און אַזאַ פּאָשעטער וועל איך שוין בלייבן ביז מיין טויט.

פאַרטאָג

עס שווימט אַוועק די נאַכט, כאַלוימעס ווערן לויטער,
עס קלאַפּט דאָס האַרץ אין קאַלטלעכן פאַרטאָג;
עס זינגט זיך פון אַ וועלט אַ נייער אויפגעבויטער,
אָן קריג, אָן ווײ, אָן טרערן און אָן קלאָג.

דערווייל ליגט נאָך די וועלט, געשענדעט און צעבלוטיקט,
אין רויב און מאָרד, אין סינע און אין האַס;
דאָך זינגט דאָס האַרץ ווייל האָפענונג דערמוטיקט,
די זון גייט אויף אַף מיין פאַרשנייטער גאַס.

עס זינגט דאָס האַרץ צום אויפגעפראַלטן מאָרגן,
מיין פענצטער האָט זיך אָנגעצונדן רויט;
אָן אויג שטראַלנדיק, פאַרטרייבט פון מיר די זאָרגן,
און ווינקט און טרייסט און וואָרנט מיך: זיי גרייט!

באַפרייען העלף די וועלט, פון בלוטיקן געוויטער,
זע, עס קומט דער טאָג דורך פענצטער און דורך ווענט;
מיר וועלן אויסהיילן פאַרוואונדעטע געמיטער,
דעם ברודער-קריג וואָס האָט זיך ווילד צעברענט.

מיר וועלן איינשטילן דעם טייוולשן גערודער,
אַף וויסטע פעלדער אויסגיסן דעם סאַם;
דערקענען וועלן זיך אַ ברודער מיט אַ ברודער
און רואיק וועלן שיפן שווימען אפן יאַם.

מיט סכוירע אָנגעלאָדן, זוניק, שטיל און זיכער,
ס׳וועט פאָלק מיט פאָלק זיך טיילן לאַנד און מי;
עס קומט דער טאָג איצט נענטער און גיכער,
עס קוקט אין פענצטער מיט אַ רוף דער אינדערפרי.

דריטער טייל

לידער פאַר קינדער

פייגעלעך

ערגעץ טיף אין פרישן גראָז
האָט צעזונגען זיך אַ גריל:
גייען פייגעלעך אַ טאַנץ
און פאַרשפּילן זיך אין שפּיל.

היפּ און העפּ און ציף, ציף, ציף,
טאַנצן זיי און זינגען צו;
שפּילנדיק געפינען זיי
ברעקלאַך עסן וואו ניט וואו.

קריכט אַ קעצל אפן בויך,
ווי אַ שלאַנג אַהינטער זיי,
גרייט זיך שוין אַ שפּרונג צו טאָן
און אַ כאַפּ טאָן איינס און צוויי.

שטייט אַ אינגל בײַ אַ בוים,
צילט זיך מיט אַ ביקסל שטיל;
צילט זיך אין אַ פייגעלע,
שאַ, אָט טרעפט ער גלייך אין ציל.

פיף און פאַף און — אוים, ניטאָ.
פליען פייגעלעך אַוועק — — —
בלײַבט דער אינגל מיט אַ נאָז
און דאָס קעצל — מיט אַן עק . . .

יאָסעלע ברען

יאָסל דעם שוסטערס, אַ אינגל — אַ ברען,
אַ אינגל — אַ מאַזיק, איז אַלט אַ יאָר צען.

פּלוצלונג פאַרפירט ער מיט אינגלעך אַ קריג,
צעטאַנצט זיך און מעקעט אַזוי ווי אַ ציג,
און וואו אַ געשלעג איז דאָרט יאָסל געווען,
דערפאַר טאַקע רופט מען אים יאָסעלע ברען.

זיין טאַטע — אַ בלייכער, פאַרריכט אַלטע שיך,
זיין מאַמע — נייט העמדלעך ביים פענצטער אין קיך.

פאַרטראַכט איינמאָל יאָסל זיך, פאַרטראַכט זיך און טראַכט
און ליגט שוין מיט אָפענע אויגלעך די נאַכט.

שטייט אויף אונזער יאָסל פאַרטאָג זייגער פיר,
טוט אָן זיך און עפנט פאַמעלעך די טיר,
זעט ער עס רעגנט, ס'איז קאַלטלעך און נאַס,
אַרט עס אים ניט און ער לאָזט זיך אין גאַס.

געקומען איז יאָסל אַהיים זייגער אַכט,
האַלט אין די ציינער אַ טאָלער און לאַכט.

צעהוסט זיך דער טאַטע: וואו ביזטו געווען?!
צעוויינט זיך די מאַמע: אוי יאָסעלע ברען!
שפּרינגט יאָסל דער מאַמען אַרויף אַפן שויס,
כאַפּט פון די ציינער דעם טאָלער אַרויס,

פאַרקויפט אַ סאַך ציַיטונגען, נאַ און ניט וויין,
און יעדן פרימאָרגן וועל איך אַהין גיין;
ווערסט מער שוין ניט נייען קיין העמדלעך אין קיך —
גיב עסן, אין סקול דאַרף איך לויפן, אף גיך!

קושט זי און האַלזט אים און גלעט אים דעם קאָפּ,
לאַכט שטיל און עס רינען איר טרערן אַראָפּ.
קוקט יאָסל פאַרוואונדערט און ווייס ניט וואָס ס'מיינט,
זי דאַרף זיך דאָך פרייען, און זע גאָר — זי וויינט?!

בערל גאַנעוו

בערל האָט פלוצלונג אַ שפּיצל פאַרטראַכט
און אַ מאַטאָנע דער מאַמען געבראַכט:
צוויי טויבן אָן עקן, אַ בײטש אָן אַ שטעקן,
האָט זיך זיין מאַמע צעוויינט און צעלאַכט.

בערעלע גוילאָם, אוי בערעלע נאַר!
בערעלע נאַר כאַטש דעם קוימען פאַרשפּאַר!
ווי זאָל איך ניט וויינען, ווי זאָל איך ניט לאַכן,
צו וואָס דאַרף איך האָבן אין שטוב אָט די זאַכן?!

דער אויוון איז קאַלט און פוסט אין אין טעפּל,
וואָלסט בעסער געבראַכט מיר אַ ברויט מיט אַן עפּל;
אַביסעלע גרויפּן געקעכטס אָפּצוקאָכן —
האָט מאַמע פאַר צאַר די פינגער פאַרבראָכן.

איז בערל געלאָפן פאַרשוויצט און צעטראָגן,
דערזעט ער אין מאַרק, פול מיט עפּל אַ וואָגן,
און באַלד ווי דער גוי האָט זיך ערגעץ פאַרקוקט
האָט בערל אַן עפּל אין אַרבל פאַררוקט.

לויפט בערל ווייטער דערמונטערט, צעטראָגן,
דערזעט ער מיט גרויפּן געפּאַקט איז אַ וואָגן.
נעמט ער אַ הייפּעלע גרויפּן פון זעקל
און שיט עס אין טאַש פון צעריסענעם רעקל.

און בערל לויפט ווייטער געיאָגט פון דער נויט,
דערזעט ער אַ קאַסטן מיט פרישינקן ברויט.
פאַרקוקט זיך דער בעקער ווי פייגעלעך פליען . . .
הויבט אָן בערל'ס הענטל אַ ברויטל צו ציען . . .

לויפט בערל אַהיים שוין דערפרייט און צעטראָגן,
דאָ הויבט אָן דער בעקער נאָך אים זיך צו יאָגן;
פאַלט בערל אַ מידער, צעהאַרגעט דעם שטערן,
שרייט: מאַמע! באַגיסט זיך מיט בלוט און מיט טרערן.

סעלעסטינאַ

דאָס קליינע סעלעסטינאַ
וואָס איז ערשט אַלט געוואָרן
עלף יאָר,
האָט ערגעץ, אַ גאָלדן קייטל,
פון אַ ווייסן פודל צוגענומען.
שטייט דער הויכער, רויטער,
פּאָליציי־שעף,
רעדט צו איר מיט האָניקדיקע רייד
און פרעגט:
זאָג מיר סעלעסטינאַ טייערע,
וואו און ווי אַזוי האָסטו דאָס קייטל צוגענומען?
נאָר סעלעסטינאַ —
קנייטשט אַקשאָנעסדיק דעם שטערן,
בּליצט אַף אַלעמען
מיט פייערדיקע בּליקן
און רעדט קעסיידער איינס:
די ליידי האָט דאָך נאָך צירונג אַסאַך,
קען זי אַף איר פּודל דאָך
אַן אַנדער קייטל אָנטאָן —
און איך האָב ניט מיט וואָס צו שפּילן זיך —
מיין בּרודערל,
דאָס אינגעלע וואָס איז ערשט דריי יאָר אַלט,
האָט לאַנגע האָר, געקרויזטע ווי אַ פּודל
און אַ פּענימל אַ קלאָרס,
מיט אַ פּאַררִיסן נעזל,
לויפט ער אום אין אונזער קעלערשטוב,
אַ בּאָרוועסער, אין אַ צעריסן העמדל,
— זעט זיך ס׳נאַקעט לייבּעלע אַרוים —
האָב איך געוואָלט
דאָס קייטל אָנטאָן אַף זיין האַלז
און פירן אים איבּערן שטוב,
ווי די ליידי פירט דאָס ווייסע הינטל.

זאָל ער נאָכלויפֿן נאָך מיר אױף אַלע פֿיר
און מאַכען:
האַוו! האַוו!
וואָלטן מיר אַביסל שפּאַס געהאַט —
איך די לײדי, ער — דאָס קלײנע, שײנע הינטעלע;
וואָלטן מיר זיך בײדע אָנגעלאַכט —
מײן בײזע, בלײכע מאַמע
— וואָס בײזערט זיך אױף מיר
ווען נאָר איך בעט אַ קלײדל
אָדער אַ פּאָר שיך —
וואָלט מיסטאַמע אױך געלאַכט.
וואָס זשע האָט מען מיך געבראַכט אַהער
און דאָס קײטל פֿון מיר צוגענומען? —

האָט דער הױכער, רױטער פּאָליצ-שעף
זי געפֿירט דורך לאַנגע, שמאָלע קאָרידאָרן,
האָט די קלײנע סעלעסטינאַ,
אים באַקוקט מיט פֿרעגנדיקע בליקן
און ראַכמאָנעס בעטנדיק געשמײכלט.

ראָכעלע די גאָלדענע

שפּילן מיר אין בלענדעניש
יאָגן אום זיך פריי —
ראָכעלע די געלינקע
גייט אַזוי פאַרביי.

יאָגן מיר זיך אַרום איר
אַלע אין אַ ראָד;
זינגען מיר און דרייען זיך
אין אַ קאַראַהאָד:

ראָכעלע — די געלינקע —
מיט — די — געלע האָר,
טאַנצן מיר און רייצן זי,
זינגען מיר אין כאָר.

האַלט זי ס׳פינגערל אין מויל,
שטייט פאַרשעמטערהייט,
ווישט די בלויע אויגעלעך,
וויינט זיך שטילערהייט.

שרייט זי כליפּענדיק אַרוים:
מאַמע — האָט מיך — האַלט!
זאָגט זי: — מיינע הערעלעך
זיינען — לויטער — גאָלד!

גלעטן מיר זי: טאַנצט מיט אונז,
מיר האָבן דיך האַלט —
ראָכעלע — די גאָלדענע —
שענק אונז — פון דיין גאָלד!

בלימל

בלימעלע איז אַלט פֿינף יאָר
מיט געקרויזטע האָר.
מאַכט זי נאָך אַן אַלטן איד
מיט אַ שטעקן אין דער האַנט,
ווי ער גייט אַזוי פּאַמעלעך,
טריט בײַ טריט און בײַ דער וואַנט,
קאָפּ און רוקן אײַנגעבויגן,
קרעכצט זי ווי דער אַלטער איד,
מיט די קורצזיכטיקע אויגן:
„עך און אָך און אָכאָ־כאָ,
קינדערלעך ס'איז אײַער צײַט
איר קענט טאַנצן און זיך שפּילן,
ווייסט איר כאָטש וואָס דאָס באַדײַט?"
בלימעלע מאַכט יעדן נאָך,
ווי מען גייט און ווי מען שטייט,
ווי די באָבע שטייט און קאָכט,
ווי די מאַמע זיצט און נייט.

אַ בלימל וואָס איז אַלט פֿינף יאָר,
מיט געקרויזטע האָר.

שלוימעלע-ביימעלע-שלוימעלע-וואָלף

געווען ביי אונז אין כיידער אַ אינגל אַ כוואַט,
פאַר קיינעם, פאַר קיין זאַך ניט מוירע געהאַט.
אויגן ווי פייער און פלינק און געזונט
פלעגט ער לאָזן זיך שווימען אין דניעפּער צום גרונט . . .
פלעגט לאַכן ווען דונערן האָבן געקנאַלט
און ווינטער אין פראָסט איז אים ניט געווען קאַלט.
און וואָס נאָר מען פרעגט אים, איז אַלצדינג ווייס ער
און נאָך דערצו אַ באַרימער אַ גרויסער . . .
דערציילט פון זיין גוואורע אין כיידער די אינגלעך,
וואונדערן זיי זיך מיט אויגן און צינגלעך.
געווען אַ מייסע-דערציילער אַ גוטער
דערציילט ער זיי מייסעם וואָס עס האָט זיך פאַרלאָפן,
מיט שיידים, גאַזלאָנים, מיט וועלף וואָלקאַלאַקעס
און אַלץ האָט עס טאַקע מיט אים זיך געטראָפן:

ביינאַכט איז געווען היים צו שלאָפן אין הויז,
בין איך ביגענייווע דורכן פענצטער אַרויס
און בין זיך אין וועלדל אַוועק אַליין שלאָפן
און הערט וואָס עס האָט מיט מיר דאָרטן געטראָפן:
אין וועלדל, געווען איז מעכייעדיק שיין,
ליג איך אָן מוירע דאָרט איינער אַליין.
פלוצלונג אַזוי ווי איך ליג אויסגעצויגן,
דערזע איך אַנטקעגן צוויי וועלפישע אויגן;
איך מאַך ניט קיין שיעם און שטעל זיך אַוועק,
אַנטקעגן דעם וואָלף גאָר אָן מוירע, אָן שרעק,
און באַלד ווי דער וואָלף האָט געעפנט זיין מויל
און מיט רעציכע געגעבן אַ שפרונג,
גיב איך אַ כאַפּ אָן זיין האָריקן האַלז

און ווערג בּיז דער לעץ שטעקט אַרויסעט די צונג;
זע איך דאָך שוין אַז מיין גוואורע איז גרויס,
רייס איך אַ בּוים מיטן וואָרצל אַרויס
און שלאָג מיט רעציכע אין קאָפּ, אין די אויגן,
בּיז ער האָט זיך טויט אפן גראָז אויסגעצויגן. —

זיצן אינגלעך פאַרגאַפּטע און הערן
וואַגט איינער אַ אינגל און הייסט זיך אים שווערן
בּיי טאַטע־מאַמע, אַז ער זאָגט ניט קיין ליגן,
ווייל ער ניט שווערן און הויבּט זיך אָן קריגן . . .
לאַכן די אינגלעך און רופן אים: וואָלף:
שלוימעלע־בּוימעלע־שלוימעלע־וואָלף !

כאַים

כאַים איז אַ וואויל אינגל,
מיט אַ שאַרף געשליפן צינגל,
מיט אַ קאָפּ וואָס טראַכט און דענקט,
מיט אַן אויג וואָס קוקט און זעט,
מיט אַ האַרץ וואָס פילט און בענקט.
און אין שול איז ער דער בעסטער
און דער שטאַרקסטער און דער גרעסטער
רעדט אַ אידיש זאַפטיק, שיין,
זיינע קליידער — נעט און ריין.
האָט ער אָבער אַ כיסאָרן:
אָט געווען און ניט געוואָרן.
שרייט דער לערער: וואו איז כאַים?!
כאַים! כאַים! ניטאָ כאַים!
און אַז כאַים ווערט פאַרפאַלן,
איז געפין אין היי אַ נאָדל;
פאָלג אַ גאַנג מיך און גיי זוך אים;
כאָטש קער איבער גאַנץ שיקאַגאָ,
באָסטאָן, פיטסבורג און ניויאָרק,
פוילן, ליטע און מיצראַים.
כאַים היינט און כאַים מאָרגן,
כאַים דאָ און כאַים דאָרט;
ווי אַ שטורעם, אַ געוויטער,
אָט אין קעלער, אָט אין גאָרטן,
אַז וואו צוויי איז ער אַ דריטער.

ווערט דער לערער שוין אין קאַס,
און נעמט אָנגיין מיטן קלאַס.
ווישט דאָס פּאָנים מיט אַ טיכל,
עפנט אויף אַ לידער ביכל,
און מישט אויף אַ ליד צום זינגען.
גיט ער נאָר דעם ערשטן טאָן,
נעמען קינדער זיך צום זינגען

ווער עס וויל און ווער עס קאָן.
און אינמיטן דעם געזאַנג,
הערט זיך פּלוצלונג אַ געקלאַנג:
כאַים ווייזט זיך אין דער טיר,
מיט אַ פּעדער אין די האָר,
מיט אַ רויט געפאַרבטער נאָז,
מיט אַ גאָפּל אויף אַ גלאָז,
צימבלט ער און זינגט צום טאַקט.
און אַזוי־אָ קלינגענדיק,
און אַזוי־אָ זינגענדיג
גאָרניט זאָגנדיק קיין וואָרט,
שפּאַנט ער זיך אַריין אין קלאַס
און ער זעצט זיך אויף זיין אָרט,
מיטן גאָפּל מיט דער גלאָז
גלייך ווי גאָרנישט וואָלט פּאַסירט — — —
לאַכן קינדער פון זיין נאָז.

איציק שפּילט אַף דער האַרמאָנקע

איציק שפּילט אַף דער האַרמאָנקע,
טרילי — טוטו — טי — טוטו —
שרייט די מאַמע מיט אַ שמייכל
אַך דו שלעכטער באָכער דו!

האָסט פאַרגעסן גאָר אַז מאָרגן
ווערסטו דרייצן יאָר שוין אַלט?
ביזט נאָך אַלץ אַ ווילדער שטיפער,
ווי געוואַקסן אין אַ וואַלד.

אַרום דיר אַ רעדל קינדער
טאַנצן, האָפּקען, זינגען צו —
זאָג מיר, איציק, ביזט אַ קלעזמער?
קום אין הויז, דו ווילדער דו!

נאָר די קינדער — הענטלאַך, פּיסלאַך,
פלעכטן אוים אַ טאַנצנדיקן קראַנץ;
ווי דאָס לעבן וואָלט געווען נאָר
אַ האַרמאָנקע און אַ טאַנץ.

איציק שטיפער הערט די וועלט ניט
שפּילט אין שווינדליקן ראָד,
ביז די קינדער מידע פאַלן —
יונגע עפּל אין אַ סאָד.

דעם מיילעכ׳ס פערד

אַ מיילעך אַ גרויסער, געהאַט האָט אַ פערד,
וואָס ער וואָלט פאַר קיין גאָלד ניט פאַרביטן;
אַ שיינער, אַ הויכער, געהאָרכזאַמער פערד
און גוט איז געווען אָף אים רייטן.
דער פערד האָט געהערזשעט פאַר פרייד, וואָס אַזאַ
סראָרע זיצט ברייט אָף זיין רוקן;
און ווער עס באַגעגנט אים, בויגט זיך פאַר אים
און ווי פאַר אַ גאָט נעמט זיך בוקן.
דערצו איז דער מיילעך אַ גוטער געווען,
געגעבן אים האָבער צו עסן;
און ווען נאָר אַ יאָנטעוו ביים מיילעך אין הויז
האָט ער אָן זיין פערד ניט פאַרגעסן.
נאָר איינמאָל האָט עפּעס דער פערד זיך פאַרפוילט
דעם האַר אָף זיין רוקן צו טראָגן;
אים האָט זיך פאַרבענקט אָף דער לאָנקע אַליין,
אַ פרייער זיך פריילעך צו יאָגן.
זעצט זיך דער מיילעך ווי שטענדיק אַוועק,
באַקוועם אָף דעם פערד׳ס ברייטן רוקן,
און טראַכט: עס איז היינט אַזאַ ליכטיקער טאָג,
אַך ווען מען זיך דאָס פאַר מיר בוקן — — —
אַך פערדעלע שיינער איך קאָן ניט פאַרשטיין!
געהאָרכזאַמער פערד, פאַרוואָס ווילסטו ניט גיין ? !
עס ווילט זיך געניסן דעם ליכטיקן טאָג;
ס׳איז גוט אָף דיין רוקן, טראָג פערדל מיך, טראָג!
נו, גיי שוין דו פוילער! נו, ריר זיך, נאָר גיך!
און ס׳פליט אים אַ זעץ מיט שטיוול אין דיך.
פינטלט דער פערד מיט אַן אויג אַ מינוט,
און ס׳גיסט זיך פאַר קאַס אין פּאָנים דאָס בלוט.
פלוצלונג צעטראָגט זיך דער פערד אין גאַלאָפּ
און וואַרפט פון זיין רוקן דעם מיילעך אַראָפּ;
אַ בריק מיט די פיס און אַ שמיץ מיטן עק
און ער לויפט אַ באַפרייטער צום לאָנקע אַוועק.

דער וואָלף דער נאַר

באַגעגנט אַ פּיקסל
אַ וואָלף אויפן וועג:
גוט מאָרגן רעב וועלוול!
ווי גייען די טעג?

ניט גוט ברודער פּיקסל,
כ׳לייד הונגער און קעלט,
שלעכט איז אַן אָרימען
וואָלף אויף דער וועלט.

— איך זוך ניט קיין רייכקייט
כאָטש עסן צו זאַט;
דריי טעג שוין אַ ביסן
אין מויל ניט געהאַט.

איך זוך שוין קיין שעפּס ניט
נו, וואָס קאָן מען טאָן?
אַך, וואָלט כאָטש געווען
אַ הון צי אַ האָן!

טוט כיטרינקער פּיקסל
צופרידן אַ שפּרונג,
אַ וואונק מיט אַן אויגל,
אַ דריי מיט דער צונג:

אָט דאָרטן דו זעסט?
— איז אַ שטיבל פאַראַן
דאַרפסט לאַנג עס ניט זוכן
בלויז עטלעכע שפּאַן.

איז פול דאָרט מיט
— הענער און הינער דער הויף

נו, טראַכט ניט, אַ שפּרונג
און אַ כאַפּ און אַנטלויף!

פאָלגט וועלוול די אייצע:
אַ שפּרונג און איז באַלד
געקומען צוריק מיט
אַ הענדל אין וואַלד.

גיב אַכטונג מיין ליבער,
מ'יאָגט זיך נאָך דיר!
אַ מענטש מיט אַ ביקס לויפט,
נו, גיב זיך אַ ריר!

אַוועקוואַרף דאָס הענדל,
באַהאַלט זיך דו נאַר!
צי לוינט מיט'ן לעבן
באַצאָלן דערפאַר?

פאָלגט וועלוול און וואַרפט באַלד
דאָס הענדל אַוועק,
לויפט און באַהאַלט זיך
און ציטערט פאַר שרעק.

שלעכט ברודער וועלוול,
נאָר וואָס קאָן מען טאָן? —
דערווײַלע נעמט פיקסל
און עסט אויף דעם האָן.

שרייט וועלוול: דו שווינדלער
דו לומפּ, פּאַראַזיט!
איך וועל פון דיר רייסן
אַ גליד נאָך אַ גליד!

איך פּראַצעווע, יאָג זיך
און קריג מיר אַ האָן,
געשטעלט פאַר מיין הונגער

מיין לעבֿן אין קאָן.

פֿרעסטו עס אויף גאָר
און לאַכסט נאָך, דערפֿאַר
וואָס דו בּיזט דער כאָכאָם
און איך בּין דער נאַר?

נו, וועל איך דיר ווייזן
דו פֿוקס דו כיטראַק!
און דאָ טוט דער וואָלף
מיט די ציינער אַ קנאַק

און פֿול מיט רעציכע
צום פּיקסל ער לויפֿט —
נאָר פּיקסל כאַפּט פּיס אין
די הענט און אַנטלויפֿט.

די קרוין פון דער וועלט

(באַלאַדע)

האָט בורזשוי זיינע שאָמרים אַף וועגן צעשטעלט,
און דינער, צו זוכן און פרעגן:
צי האָט ווער געזען די קרוין פון דער וועלט
ביי עמיצן דאָ אַף די וועגן?

אַ קרוין וואָס פון גין-גאָלד געגאָסן איז זי,
באַזעצט מיט די טייערסטע שטיינער;
וואָס האָט ערשט געגלאַנצט אַפן קאָפּ פון דער וועלט —
נאָר עס האָט ניט געזען זי קיינער.

יאָמערט בורזשוי מיט פאַרבראָכענע הענט
און הערט ניט אויף צו וויינען און קלאָגן:
אַזאַ טייערע קרוין! אַזאַ גאָלדענע קרוין!
וואָס נאָר פאַר מיילאָכים צו טראָגן!

און הייליק איז זי דאָך געוועזן ביי מיר
און געטלעך פאַר יאָרן און יאָרן;
און פּלוצלונג אַזוי ווי פון אונטער די הענט
איז זי דאָ ביי מיר ניט געוואָרן.

און וואָס וועל איך טאָן אָן מיין טייערער קרוין,
ווי וועל איך יאָנטויווים איצט מאַכן?
קוקן וועט מען אַף מיין נאַקעטן קאָפּ,
באַדויערן קלוימערשט און לאַכן.

זוכן די דינער אין וואַלד און אין פעלד,
אין הייזער, אין גריבער, אין שטאַלן;
און וואו נאָר אַ ווינקל און וואו נאָר אַ בוים —
נאָר ס'איז ווי אין וואַסער פאַרפאַלן.

איינמאָל פאַרנאַכט ווען די זון האָט געשטיפט,
געשפּילט זיך מיט פייער און פאַרבן;
דער טאָג ווי אַ כאָכאַם אַן אַלטער, האָט שטיל

גענומען זיך גרייטן צום שטאַרבן.

איז איינער אַ מידער מיט ברודיקע הענט,
אַ היים פון דער אַרבעט געגאַנגען;
און ס'האָט אַף זיין קאָפּ זיך געשפיגלט אַ קרוין
מיט פאַרנאַכטיקער בלויקייט באַהאָנגען . . .

העי מענטשל פאַרשוואַרצטער וואָס גייסטו דאָרט רויִק,
און טראָגסט אַף צעפּאַטלטע האָר אַזאַ קרוין?
ווי קומט עס צו דיר און וואו האָסטו גענומען
די טייערע, הייליקע, גאָלדענע קרוין?

בורזשוי אין פאַרעלטערטן פריצישן אַנצוג,
אַ גלעזל אין אויג און אַ שטעקן אין האַנט,
האָט בייז זיך צעשריען: אָט איז דער גאַנעוו!
אַזוינס טראָגט אַ קרוין, אוי אַ שמאַך און אַ שאַנד!

אַהער קומט, איר דינער, עס האָט זיך געפונען,
רינגלט אַרום אים און רייסט עס אַראָפּ!
און וועלט וועט צוריק זיין אַ וועלט ווי געוועזן
און טראָגן די הייליקע קרוין אפן קאָפּ.

נאָר דאָ האָט דער מענטש זיינע הענט אויפגעהויבן,
געגעבן אַ בליק מיט די אויגן צו זיי,
האָט אַף דער קרוין זיי אַ בלוט-פלעק באַוויזן
און צאָרנדיק האָט ער געטאָן אַ געשריי:

צי זעט איר ניט קנעכט דאָס בלוט אַף דער קרוין?
דאָס האָט זיך פאַר דוירעס געגאָסן פון מיר;
בורזשוי זאָל קענען אַ קרוין אַף זיך אָנטאָן
און פאַר מיר דעם באַשאַפער פאַרשליסן די טיר.

איצט האָב איך גענומען וואָס איך האָט באַשאַפן
און אַליץ וואָס פון מיר איז געוועזן פאַרשטעלט;
די קרוין וועט דעם קאָפּ פון דער וועלט איצט באַקרוינען
נאָר איך בין פון היינט אָן און ווייטער, די וועלט!

באַלאַדע פון דער נייער וועלט

אַמאָל איז געווען אַ נאַר אַ בורזשוי,
האָט ער געבויט זיך אַ וועלטל פון שטרוי,
געהאַנדלט, געשווינדלט, מילכאָמעס געפירט,
באַגאַזלט דעם אַרבעטער, עקספּלואַטירט,
געלעבט אַף זיין כעשבן, געפרעסן, געזויפט,
געהאַנדלט מיט קנעכט, געקויפט און פאַרקויפט,
און האָט ווער געוואַגט זיך צו שטעלן אַנטקעגן
און מיט פּראָטעסט אָנגעהויבן צו פרעגן:
פאַרוואָס ער באַגאַזלט דעם אַרבעטער'ס לוין,
און הערט ניט די אָרימע קינדער'ס געוויין?
וואָס זאַמלט ער אויצרעס און שפייכלערס מיט ברויט
ווען טויזנטער פאַלן פון הונגער און נויט?
שיקט אין מילכאָמעס די טאַטעס און זין
און זויגט זייער בלוט אויס אַזוי ווי אַ שפין?
האָט ער דעם פרעגער אין קייטן געשמידט
און אים געריסן אַ גליד נאָך אַ גליד.
צום סאָף האָט ער אים נאָך צום מישפּעט געשטעלט
און אים אַף אייביק פאַרפינצטערט זיין וועלט.

אַזוי איז געלאָפן אַ דאָר נאָך אַ דאָר,
אַ דאָר נאָך אַ דאָר און אַ יאָר נאָך אַ יאָר,
אַ יאָר נאָך אַ יאר און א וואָך נאָך אַ וואָך
מען האָט אַלץ געדולדיק געטראָגן דעם יאָך;
דאָס לעבן איז געוואָרן אַלץ שווערער און ענגער,
בורזשוי איז געוואָרן אַלץ רייכער און שטרענגער.
מען וואַרפט אין די טפיסעס, מען רייסט אויס די צינגער,
עס פאַלן אין גאַסן שוין קינדער פון הונגער.
אינמיטן דעצעמבער, ווען נאַס איז און קאַלט,
וואַלגערן זיך מענטשן אַפן האַרטן אספאַלט.
מען גראַבלט אין מיסט זיך אַזוי ווי מייז,
קעדיי צו געפינען אַ ביסעלע שפּייז.
וואָס רייכער בורזשוי ווערט אַלץ גרעסער די נויט,

אײדער אַזאַ לעבן, שױן בעסער דער טױט.

ביז אײנמאָל האָט אַ גרױסע האַנט,
אין אַ גרױסן װײטן לאַנד,
מיט בלוט אין די אױגן און קריצנדיקע צײן,
צום רײכן אין פּענצטער געװאָרפן אַ שטײן.
הױך אױפגעהױבן אַ בלוט רױטע פאָן,
האָט שױן דער אױלאָם געװאוסט װאָס צו טאָן.
עס גלײכן זיך אַקסלען, עס הױבן זיך קעפּ,
עס שטײפן זיך פױסטן, עס פאַלן שױן קלעפּ
און רױטע־אַרמײער, מיט ביקס און מיט שװערד,
יאָגן זיך האַסטיק אױף שטאָלענע פערד.
עס ברענען פּאַלאַצן אין העלישע פלאַמען,
עס טראָגט זיך דאָס פײער אױף לענדער און יאַמען,
עס שיסן האַרמאַטן און קנאַלן און קנאַלן,
בורזשױ האָט אַ בױג זיך געטאָן און געפאַלן.
געפאַלן, געשטאָרבן, באַגראָבן, פאַרשאַטן,
איצט איז פאַרשװאונדען אפילע זײן שאָטן.
איצט איז אונז פרײלעך, איצט איז אונז גוט,
איצט זױגט ניט בורזשױ מער דעם אַרבעטערס בלוט,
איצט אַרבעטן אַלע מיט פרײד און מיט מוט.
אַ װאַרימע דירע, אַ שוך און אַ קלײד,
און קינדערלעך זאַטע, צו קוקן אַ פרײד.
און קינדערלעך לערנען אין שולן זיך פרײ,
אַ װעלטל אַ שײנע און זוניק און נײ.

אַזױ װעלן קינדער זיך מײסעס דערצײלן,
מיט ברױט און מיט לידער זיך כאַװעריש טײלן,
װען דער בורזשױ װעט שױן ליגן און פױלן.

אינהאַלט

ערשטער טייל

מיין טאָג — 4
אין מיר און אין דיר — 5
שיקאַגאָ — 8
אין ,,לופּ" — 9
מעדיסאָן גאַס — 10
HOME — 12
אין טאָל פון טויט — 14
האָמפּי דזשאָו — 16
מערי — 18
אָלד פּאָקי מאָזעס — 20
אָנהויב זומער — 23
אפן באַרג ,,ווילסאָן" — 24
דיין טרער איז מיין בלוט — 26
איך און דו — 27
אין געבורט־שפּיטאָל — 28
מיין גרויע האָר — 30
מיין קינד — 31
די באָבע זאָגט — 32
די באָבע מיטן זיידן — 34
געכאָלעמטע וועלטן — 35

צווייטער טייל

אויסשרייען ווען מען — 37
דער מוסקולירטער ריז — 38
מאַשינען וואַרטן — 39

דער אַלטער דזשים — — — — — — — — — — — 40

פון ניויאָרק ביז קאַליפאָרניע — — — — — — — 41

דאָס ליד פון דזשעקסאָן דעם נעגער — — — — — 44

אינדיאַנער זומער — — — — — — — — — 46

אין שיקאַגאָ — — — — — — — — — — — 48

טאָם — — — — — — — — — — — — — 50

אַ מענטש — — — — — — — — — — — 51

טשעין גענג — — — — — — — — — — — 53

כ׳האָב היינט געזען אַ מענטש — — — — — — 55

אַ ניקעלע — — — — — — — — — — — 56

דייטשלאַנד — — — — — — — — — — — 59

איך האָב אים געזען אין כאָלעם — — — — — — 60

סע געפעלט אים ניט — — — — — — — — 61

צו אַ אידישער קעלנערין — — — — — — — — 62

שפּאַניע — — — — — — — — — — — — 63

צו אַ וואָלונטיר — — — — — — — — — — 64

אין אַ פרימאָרגן — — — — — — — — — 65

איך וויים — — — — — — — — — — — 67

אַ קינד ווערט געבוירן — — — — — — — — 69

פרילינג 1938 — — — — — — — — — — 70

דאָס בלוט פון מיין פאָלק — — — — — — — — 72

פוילן — — — — — — — — — — — — — 73

צום ערשטן מאַי — — — — — — — — — — 74

איצט דאַרף יעדע שאָ זיין טייער — — — — — — 75

לענינ׳ס בילד — — — — — — — — — — 76

לאַנד מיין לאַנד — — — — — — — — — — 77

מאַלאָכע אין מעלוכע — — — — — — — — — 79

בערל וואַסער-פירער זאָגט — — — — — — — 80

אַפילע אַ הונט וויים דאָך אויך ווען ביימן — — 81

זייער סאַם — — — — — — — — — — — 82

עס טראָגן די פיס אים צום לאַנד פון סאָוועטן — — 83

אַ ליד פון אַ געוועזענעם גאַנעוו — — — — — — — 84

זאָגט איין איד צום צווייטן — — — — — — — 86

אין אַ באַפרייטער וועלט — — — — — — — — 87

אף אייערע קעפ — — — — — — — — — — 89

מען האָט שוין אָנגעהויבן — — — — — — — — 90

אינדיאַנער זומער — — — — — — — — — — — — — 91
באַהאַלט זיך ווי דער וואָרים איצט דער מענטש — 92
אָלגין — — — — — — — — — — — — — — — 94
ביים אָפּגרונט — — — — — — — — — — — — — 95
צו אַן עלטערער אַרבעטער מיידל — — — — — — 97
דער קאַפּיטאַן און זיין לאָקיי — — — — — — — — 98
אַ מענטש אין „לופּ" — — — — — — — — — — — 99
איך בין אַ היגער דאָ — — — — — — — — — — 101
איך בין איינער פון מיין קלאַס — — — — — — — 103
פאַרטאָג — — — — — — — — — — — — — — — 104

ד ר י ט ע ר   ט י י ל

פייגעלעך — — — — — — — — — — — — — — 106
יאָסעלע ברען — — — — — — — — — — — — — 107
בערל גאַנעוו — — — — — — — — — — — — — 108
סעלעסטינאַ — — — — — — — — — — — — — — 109
ראָכעלע די גאָלדענע — — — — — — — — — — 111
בלימל — — — — — — — — — — — — — — — — 112
שלוימעלע - בוימעלע - שלוימעלע וואָלף — — — 113
כאַים — — — — — — — — — — — — — — — — 115
איציק שפּילט אַף דער האַרמאָנקע — — — — — — 117
דעם מיילעכ'ס פערד — — — — — — — — — — — 118
דער וואָלף דער נאַר — — — — — — — — — — — 119
די קרוין פון דער וועלט — — — — — — — — — — 122
באַלאַדע פון דער נייער וועלט — — — — — — — — 124

Printed in the United States of America
by the Congress Printing Co., Chicago

601